START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1903.27

Drimer, Henry.
Midber.
Nyu York, 1923.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903.27

Drimer, Henry, 1883-1957.
Midber / H. Drimer.
Nyu York : Farlag "Amerika", 1923.
93 p.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York

ID : NXYH01-B3731 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /4405

Reduction ratio X10.0

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

2/4405 01-B3731

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

COPYRIGHT 1923 by HENRY DRIMER

PRINTED in POLAND

Druk. „Di Welt" Warszawa

מ

ד ב

ר

פאר הירש [illegible]
מיט דרך ארץ
ה. דרימער.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

מדבר

ה. דרימער

1923

פֿאַרלאַג „אַמעריקאַ“/ניו־יאָרק

איבערזעצן אין פרעמדע שפּראַכן און אויפֿ־
פירן איז נישט דערלויבט אָן דער
צושטימונג פון פערפאַסער

אין סטודיאָ פון אַרטיסט

וועו דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף איז די בינע פינסטער. עס הערט זיך אַ פאַרצווייפלט קלאַפּן אין דער טיר, דערנאָך די שטימע פון אַ מאַן.

שטימע

לאָז מיך אַריין, האָב רחמנות, לאָז מיך אַריין.

אַרטיסט

/ קומט אַריין פון שלאָפצימער. אַ פאַס פון ליכט פאַלט אַריין פון דער טיר /.

ווער איז דאָרט?

שטימע

עפן אויף, האָב רחמנות.

אַרטיסט

ווער ביזטו? און פאַרוואָס רחמנות?

שטימע

איך בין אומשולדיק און מיין לעבן איז אין סכנה.

אַרטיסט

קען איך דיך?

שטימע

ניין — אפשר, ניין אָבער די פּאָליציי לויפט מיר נאָך און איך קען זיי ניט באַווייזן, אַז איך בין אומשולדיק. אָט קומען זיי באַלד, איך בעט דיך, העלף מיר.

אַרטיסט

פריער מוז איך וויסן. מיט פאַרברעכער האָב איך קיין עסק ניט.

שטימע

מען האָט געשאָסן, דאָרט אונטן אין „ווילעדזש“ איך בין געשטאַנען פון ווייטנס. יענע זענען אַנטלאָפן און איך בין איבערגעבליבן אַ־ליין. איך האָב מורא מען וועט מיך חושד זיין.

אַרטיסט

האַנדלסט אפשר מיט אַלקאָהאָל?

שטימע

גלויב מיר אַז נישט.

אַרטיסט

איך הער שיכּרות אין דיין קול.

שטימע

נישט מער ווי אַ ביסל האָבן מיר געטרונקען.

אַרטיסט

ביזט אַ ייד?

שטימע

בנאמנות אז נישט. קיינמאָל נישט געווען.

אַרטיסט

/ טראַכט /

דאָס געזעץ האָט רעכט. עס איז נישט מיין געזעץ איך בין קיין ריכטער נישט.

שטימע

איך בין אומשולדיק.

אַרטיסט

מיין טיר בלייבט פאַרשלאָסן. דיין גערעכטיקייט, דיין משפּט עס איז נישט מיין עסק.

שטימע

/ יאָמערנדיק /

גלויב מיר אז איך האָב עס נישט געטון. זי איז מיט מיר געגאַנגען, ווייל זי האָט מיך ליב געהאַט. עפן — עפן —

/ דאָס קול פאַרלירט זיך, אַרטיסט פאַרשווינדט, דאָס ליכט גייט אויס /.

/ געלע ליכט פאַלט פון אויבן /

/ אַרטיסט זיצט פאַר אַ מאָלשטענדער. מייבעל זיצט אויף אַ פּלאַטפאָרמע פאָזירנדיק פאַר אים /

אַרטיסט

— — — יופּיטער איז אינגאַנצן וואולגארער חומר, פלייש —. אַ פאַנטאַזיע וואָס דערוואַקסט זיך צו אַזאַ גאָט האָט נישט געקענט לעבן — — — די גריכן זענען צופעליק, גאָר נישט פאַר זיי טויט, גאָר נישט נאָך זיי — — — נישט מער ווי אַ שלעכטער ריח פון ווייבער. — — מיר, אָה מיר! דער חומר מוז אונטערדריקט ווערן צוליב ריינקייט — פאַר אונדז האָט אויף אונדז געוואַרט די אויביקייט — פון דור צו דור — — — דער ערשטער פּראָבלעם פון אונדזער ערשטן מענטשן איז געווען גייסטיק — גוט — שלעכט — — / ברומט אַ קינדערמעלאָדיע / אדם, חוה, שלאַנג אַן אייביקער צירקל. דאָס איז אַלץ וואָס איז פאַראַן אין דעם טרויריקן טאָל פון פּראָבלעמען.

מייבעל

וועט אַלץ זיין אין בילד?

אַרטיסט

דאָס און נאָך / רוט / פינסטערניש, אַ בלויע אומדורכדרינגליכע פינסטערניש — אַ גרויסע איינזאַמקייט. ערגיץ פון וייטן שטעכן ווי שפּיזן קליינע שטערנדלעך, ווי שפּילקעס, ניין נאָדלען. נייע נאָדלען אויף אַ קראַנקער רעטינאַ. — קלאָר און ריין — — — — — חי נעמט מען אַ דאַך פון כמאַרעס וואָס זאָל צודעקן, צודעקן. אַזוי באַענען היימלעך — — — דו און איך —

מייבעל

דו און איך און פרידן, רו.

אַרטיסט

דו? — קען אויך געמאָלט זיין. וואָס איז דער חילוק? ווער נישט איז. אַ דו און אַן איך. אַפילו אומפּערזענלעך אָבער אַזוי נאָענט.

מייבעל

מיינע אָבות זענען אַנדערש געװען.

אַרטיסט

דיינע אָבות? װאָס קענסטו װיסן פון דיינע אָבות? זיי זענען נישט מער װי היסטאָריע, װייסטו װעגן דעם פּערזענליכן װאָס ציט זיך איבער יאָרהונדערטער און נאָך װייטער? א האַנט אין אַ האַנט, װייט אַװעק ביז דאָרט, װוּ אַלץ פאַרלירט זיך אין גלייכגילטיקייט.

מייבעל

אַזוי װי אַ בלום װאָס רייסט זיך, רייסט זיך אַרויף מיין האַרץ בענקט נאָך דיין ריינקייט, דיין נשמהקייט. איך שטיי ביים טויער און קוק אַריין מיט װייטיק, מאַך מיר אויף, איך האָב דיך ליב.

אַרטיסט

מיך האָסטו ליב? זע מיין צובראָכנעם קערפּער, נישט מער פאַרהאַן װוּ אויפצוהאַלטן די ירושה. מיין זיידנס נשמה איז געװעזן ריינער פון דער זון, אַ גאַנצן לעבן האָט ער געהוסט. מיין באַבע האָט געהאַט אויגן — די חכמה און װייטיק פון דער װעלט האָבן געקוקט פון אירע אויגן. — פון אַלע װעלטן די חכמה. — מיין האַרץ גייט מיר אויס פאַר בענקשאַפט נאָך מיין באַבן.

מייבעל

איך האָב דיך ליב.

אַרטיסט

— — — איך מוז מאָלן, מאָלן / מאָלט װייטער / פרידן ליגט אין דער בלויקייט פון דיינע אויגן.

מייבעל

מיינע אָבות זענען תמיד געװען ערדיש. פון דער קאָרע אָן. מיין טאַטע איז ערדיש. צװישן די בערג אין ניי־ענגלאַנד שטייט זיין הויז אָפּגעפאַרבט גרין. מיין זיידע האָט געפלאַנצט קריכערס, איצט זענען זיי איבער דער גאַנצער װעראַנדע. מיין מוטער שפּאַנט איין דעם אַלטן נעד און פאָרט צו שכנים שפּילן „װיסט”. דער פאָטער פאָרט מאָנטיק צו די תבואה־סוחרים, באַצאָלט פאַר האָ־ בער. תמיד לאַכט ער ברייט און האַרציק, און נאָר אַמאָל קראַצט

ער זיך אין קאָפּ. אַלע פּראָבלעמען זענען פון דער ערד. אוי, װי גוט איז די ערד! זי האַכט נישט, ליבט נישט, נאָר פרידן, — זי ליגט און שמייכלט צום הימל. — עס איז פאַרהאַנען פרידן ביי מיר אין האַרצן, דער פרידן פון דער ערד. איך װאָלט נעמען דיין קאָפּ אין מיין שויס און װאָלט אויסגלעטן זיינע קנייטשן. פאַר װאָס האָסטו נישט ליב?

אַרטיסט

אוי, מיידעל, װען דו װאָלסט װיסן! מיט דעם גייסט, װאָס נעמט אַלץ אַרום, װיסנדיק און אָן ספיקות, האָבן מיר ליב. די װעלט װייסט נאָר פון דער ליבע פון איין איינציקן יידן. קען זיין איר װעט נאָך אַמאָל װיסן. — — — איך מוז מאָלן / פויזע / איך האָב אויף דיר רחמנות, מיר קענען זיך נישט פאַרמישן, מיר זענען אַנדערש — מען מוז עס געבוירן װערן. מיר זענען די גייסטיקע קראַפט פון דער מענטשהייט. — מען ליידט, פרייט זיך, טראַכט, חלומט, אַקערט זייער פאַלעט, קיינמאָל, קיינמאָל שניידט מען נישט. אפשר װייל מען דאַרף נישט, דער אוצר שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס.

מייבעל

מיין פאָטער האָט רויטע װאָנסען. דער װינט האָט צעקנייטשט זיין פּנים. ער איז נישט עלטער פון צװיי און פערציק יאָר.

אַרטיסט

מיין פאָטער קויפט צונויף אַלטע מעבל. כסדר ציילט, ציילט, ציילט. ערגעץ װייט הינטערן ציילן ליגט מיין זיידעס ריינקייט. כסדר אַזוי, אַ דור אינטענזיװער חומר, כדי אויפצוהאַלטן די אייביקע נשמה. — ציילט ציילט, ציילט און פּלוצים שיסט אַרויס אַ פלאַם פון דעם אַש. אַ האַרץ װאָס װערט פאַרבלוטיקט צוליב ליידן פון מענטשן. — — מיין האַרץ װערט פאַרבלוטיקט פאַר װאָס קומט עס אונדז? פאַרװאָס? מיינע וכרונות זענען איינגעטונקט אין צװייטויזנט יאָר פון בלוט. פאַר װאָס? — פאַרװאָס? — / פויזע /

מייבעל

מיין נשמה װיינט אין מיר, לאָז מיך דיר באַצאָלן. איך װעל קושן דיינע אויגן און דיך באַרויקן.

אַ ר ט י ס ט

אָ ג ט! /ער לייגט דעם קאָפּ פּאַלן בײַ איר אין שויס./

מ ײ ב ע ל

— — — — מײַן אײנציקער. — — — טײערער — — — איך בין נישט מער ווי אַ פרוי, אַלײן, וואָס איך קען זאָגן איז: מײַן אײנציקער. /לענגערע פּויזע/ אָבער נישט אין דער וועלט. דאָ איז ענג. אַרײַן און אַרויס, אַרײַן און אַרויס, שמאָלע גאַסן, לײַדנשאַפט האַס און אײַפערזוכט — קלײנליך, קלײנליך. — ווי משוגע, משוגע! — אַרײַן און אַרויס, גאַס אײַן, גאַס אויס, שמאָל, אָנגעשטאָפּט מיט קראַנקער לײַדנשאַפט, אַ קראַנקע פאַנטאַזיע האָט אויסגעבויט אַן אמת אין דער היים בײַם טאַטן זענען פאַרהאַן פרײַע ערטער און נאָר זאַכן וואָס גאָט האָט באַשאַפן שטײַן דאָרט כמעט אָפּגעזונדערט. — די היים —

אַ ר ט י ס ט

/שפּרינגט אויף/ עס איז אַ ליגן, פאַלש, פאַלש! — דאָרט זענען זײ אויך פאַרהאַן. אומעטום זענען זײ דאָ. צוויי מינים זענען, נאָר פאַרהאַן, מיר און זײ. אָ, איך קען זײ, רויטע וואָנסען, פרידן העט אַרום און אַרום. איך געדענק זײ פון אַננאָ דאָמיני. גײ! גײ דיר פון דאַנען! /מאַכט אויף די טיר/

מ ײ ב ע ל

טרײַב מיך נישט, איך בעט דיך. לאָז מיך דאָ בלײַבן איך וועל גאָר נישט פאַרלאַנגען.

אַ ר ט י ס ט

/מיט ווײטיק אָבער מילד/ איך בעט דיך, גײ. דײַנע בלאָנדע האָר האָבן אײַנגעשנירט מײַן האַלז און וואַרגן מיך, איך האָב מורא פאַר דעם ים אין דײַנע אויגן. איך בעט דיך, גײ. /ער שטופּט זי זאַנפט אַרויס. עס ווערט פינסטער/

די סטודיאָ

/אַרטיסט שטײט בײַ דער טיר פון שלאָפצימער/
/געלע ליכט פון שלאָפצימער./

אַ ר ט י ס ט

/בײַ דער דרויסיקער טיר/ דו וואַרטסט נאָך? /וואַרט. מאַכט אויף די טיר, אַ בלאָנדער שיכּורער מ אַ ן פון דרײַסיק יאָר, פאַלט אַרײַן/ וו איז דײַן פּאָליציי?

מ אַ ן

איר ווייס נישט, איר — שלאָף.

אַ ר ט י ס ט

דו ביזט שיכּור.

מ אַ ן

שלעכטער בראָנפן, אַ שרפה — זײ האָבן געשאָסן. וו, וו איז זי?

אַ ר ט י ס ט

ווער איז זי?

מ אַ ן

סיידי, די טענצערין, די עגיפּטישע פּרינצעסין. זײ האָבן זי דערה, גט די באָמס, די גענגסטערס. אידן — זשידעס. שיני גענגסטערס. — זײ האָבן זי דערהרגעט — בו — הו — /וויינט/

אַ ר ט י ס ט

שווייג דו שטיק פּגר. אַ גרויס שטיק פּגר, גאָר נישט קיין מוט. וו איז דײַן פּראָפּאַגאַטיוו? איך קען דיך און דײַן מין.

מ אַ ן

מיך און מײַן מין — אודאי קענסטו, וואָס דען נײַן?

אַ ר ט י ס ט

וו איז די טענצערין?

מ אַ ן

איך ווייס נישט. בו — הו — /וויינט/

אַרטיסט

באַדענק זיך, וואָס דו האָסט געטון. דו האָסט גענומען אַ פרוי און די געפירט צום טויט. דו האָסט זי געהרגעט.

מאַן

נו, וואָס זאָל איך איצטער טון?

אַרטיסט

— טו! — האָסט שוין אָפּגעטון. גיי אַך זי.

מאַן

מען וועט מיך נאָך כאַפּן. איך האָב גאָר נישט געטון די שיני געגנסטערס. זי איז אויך איינע פון זייערע. זי טאַנצט.

אַרטיסט

לאָז נישט איבער דיין שמוץ ביי דער שוועל, ווו דו ביזט אַן אורח, בעסטיע.

טענצערין

/ זייער אָפּגעשוואַכט קומט אַריין. /

מאַן

סיידי! / זי פאַלט אַרטיסט און מאַן טראָגן איר צו סאָפאַ.

אַרטיסט

זי בלוטיקט. / ער ברענגט וואַסער, באַנדאַזשן און פאַרבינדט איר אַ לייכטע וווּנד אויף דעם רעכטן אָרעם /

טענצערין

/ מאַכט אויף די אויגן / עס איז אַזוי קאַלט דאָ. — דזשעק!

מאַן

זאָרג זיך, איצט וועט דיר שוין גאָרנישט געשען.

טענצערין

איך בין אַזוי גליקלעך וואָס איך האָב דיך ווידער.

אַרטיסט

איז דאָס די פרוי?

מאַן

דאָס איז סיידי.

אַרטיסט

אין וואָס פאַר אַ געמויזעכץ האָסטו זי געפונען? — ביזט אַ יידישע?

טענצערין

יידיש — מיין נאָמען איז טאַמאַראַ, די עגיפּטישע פּרינצעסין איך טאַנץ אין בולעוואַרד־טעאַטער.

אַרטיסט

ווי אַזוי קומסטו צו דעם מאַן?

טענצערין

מיר לעבן אין איינעם.

מאַן

ניט דווקא כסדר אין איינעם. מיר באַגעגנען זיך. זי איז — דאָס הייסט, איך בין. — איר פאַרשטייט דאָך / די לעצטע פראַזע טאָר נישט באַטאָנט ווערן /

אַרטיסט

— איר מישט, מישט? אָ גאָט!

טענצערין

נו, איז וואָס, איך האָב אים ליב.

אַרטיסט

ליבע, ליבע, אַלץ נאָר ליבע. פון וועמען האָסטו דיך דאָס אויסגע־לערנט? דיין מאַמע האָט ליב געהאַט דיין טאַטן, עס איז נישט געווען קיין ליבע. — — — / מילד / ערגעץ אין אַ גאַס אין דער איסט סייד זיצט דיין טאַטע ביי דער שוועל פון זיין הויז, פון זיינע אויגן שיינט אַרויס די ווייטיק פון יאָרטויזנטער. פאַרוואָס פאַראָטסטו דיין טאַטן?

טענצערין

/ כאַפּט זיך אויף פון בעט, שפּאַרט זיך אָן אויף אַן עלנבויגן / דו רעדסט פון מיין פאָטער? וואָס ווייסטו פון מיין פאָטער? דו ווייסט וואָס מיין פאָטער טוט פאַר מיר? ער האָט מיך אין דער ערד' האָט ער מיך. וואָס גיי איך אים אָן? איך מעג אַפילו ברעכן דעם קאָפּ. אויך מיר אַ פאָטער! דערציייל נאָר מיר נישט וועגן מיין

פּאָטער. איך קען אים און דיך און דיינע פריינט און אייער גאנצער באַנדע. עס איז מיר נישט גוט פון אייך. ווער חיל איין קענען, טפו! זשידעס

אַרטיסט

שווייג! שווייג! שווייג! /פינסטער/

/אַרטיסט, טענצערין. בלויע ליכט/

טענצערין

/ליגט שלאָפנדיק אויף דער סאָפאַ/

אַרטיסט

/גלעט אירע האָר/ „שוואַרץ ביזטו אָבער חנ׳דיק, טאָכטער פון ירושלים. אזוי ווי שלמה׳ס געצעלטן, ווי די טעפּיכער פון קדר.“ — „זאָג מיר דו, וועמען מיין נשמה האָט ליב, וווּ פּאַשעסטו דיינע שאָף, וווּ רוסטו צו מיטאָק?“ „זאָל איך זיין ווי אַן אָבל ביי די טשערדעס פון דיינע פריינדינעס?“ — „שיין זיינען דיינע באַקן צווישן שנורן פון איידלשטיינער, די רויז פון שרון, די ליליע וואָס וואַקסט אין די טאָלען. ווי אַ רויז צווישן די דערנער איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער. מיין טייבעלע, דו ביזט אין דעם שפּאַלט פון דעם פעלזן דאָרט צווישן די פעלזן לאָז מיך זען דיין פּנים, לאָז מיך הערן דיין שטימע ווייל זיס איז דיין שטימע און שיין איז דיין פּנים.“

„דו ביזט שיין מיין געליבטע“ — „די רונדקייטן פון דיינע היפטן זיינען ווי מיט שטיינער באַזעצטע צירונג, די אַרבעט פון דעם גאָלדשמיט. דיין נאָפּל איז ווי דער קיילעכדיקער בעכער, אין וועלכן עס פעלט נישט דער וויין. דיין בויך איז ווי אַ בערגל תבואה אַרומגעשטעקט מיט רויזן. דיינע ברוסטן זיינען, ווי יינגע הירשן, צווילינגען פון איין מאַמען: דיין האַלדז איז ווי אַ טורם פון עלפנביין, דיינע אויגן ווי די טייכן פון חשבון, דיין קאָפּ אויף דיר איז ווי כרמל און די האָר אויף דיין קאָפּ אַזוי־ווי פּורפּור.“ „דו האָסט געראויבט מיין האַרץ, מיין שוועסטער, מיין כּלה.“

טענצערין

/אין שלאָף/ „אויף מיין געלעגער, ביי נאַכט, האָב איך געזוכט דעם, וואָס מיין נשמה האָט ליב, איך האָב אים געזוכט און איך האָב אים נישט געפונען.“

אַרטיסט

„אַ פֿאַרשלאָסנער גאָרטן איז מײַן שוועסטער, מײַן כּלה; אַ פֿאַרשלאָ־
סנער קוואַל, אַ פֿאַרזיגלטער ברונעם.״

הינטערן שטאָט אין אַ קלײן ייִדיש שטעטל אין מזרח אייראָפּאַ

/פֿון דער ווײַטנס זעט זיך דער רויך פֿון אויסגעברענטע הײַזער. נאַקעטע קוימענס סטאַרטשען אַרײַן אין דער בלויקייט פֿון הימל, ווי פֿאַרדאַמענדע פֿינגער./

/אַ קלײן ייִנגל זיצט בײַם וועג/

דאָס קלײנע ייִנגל

גאָט פֿון אונדזערע אבות, גאָט פֿון אברהם יצחק און יעקב פֿאַרוואָס דערלאָזטו אַז דײַנע שונאים זאָלן פֿאַרטיליקן דײַנע קינדער? — בין איך דען נישט געגאַנגען יעדן טאָג אין בית המדרש און געדאַוונט ער' ליך און אַפֿילו נישט אויסגעלאָזט קײן אײן וואָרט, מײַן טאַטע און לוי דער וואַסערפֿירער האָבן אויך אַזוי געדאַוונט. פֿינף אַ זייגער אין דער פֿרי, ווען איך בין געקומען אין בית המדרש לערנען, פֿלעג שוין לוי דער וואַסערפֿירער זאָגן תהלים און דאָס ווײַסע פֿערדל מיט'ן וואַסערפֿעסל איז געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט. און עס איז געווען אַ פֿראָסט. נו און הײַנט, נחמן? פֿאַוואָס האָסטו דערלאָזט מען זאָל אים דערהרגענען? ער איז געווען זייער אַ גוט ייִנגל. ער וואָלט אפֿשר געווען אויסגעוואַקסן אַ רב. אפֿשר וואָלט ער געוואָרן אַ מגיד און וואָלט אַרומגעפֿאָרן אין אַלע שטעטלעך און וואָלט געהאַלטן דרשות, אַז עס איז גוט צו דינען גאָט און עס איז שלעכט אַז מען איז אַ גוי. און איצט זײַנען געגאַנגען די גוים וואָס האָבן נישט קײן נשמות און האָבן אים געהרגעט. איז עס רעכט אַזוי? איצט האָסטו נישט קײן שטעטלאַך און נישט קײן נחמן. איך בין נאָך אַ קלײן ייִנגל פֿון עלף יאָר, אָבער איך וועל נישט ווײנען, ווײַל איך ווייס, אַז אַלץ קומט פֿון דיר, גאָט ברוך הוא. אָבער איך מעג דיך פֿרעגן: ווען קומט משיח? — אַלע ייִדן ווילן אַז משיח זאָל שוין קומען. נישט פֿאַר לויתן און שור הבור. נאָר ווײַל מען קען נאָך פֿריער אַלע ייִדן אויסהרגענען, וועט ער נישט האָבן צו וועמען צו קומען. איך בין נאָר אַ קלײן ייִנגל פֿון עלף יאָר און דאָך האָב איך שוין געזען — איך — איך האָב — — נײן, נײן, איך וועל נישט ווײנען — — זיי האָבן — — מײַן מוטער —

/ שלינגט איין די טרערן / איך וועל נישט וויינען. אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז עס איז אַ באַליידיגונג. יאָ טאַקע אַ באַליידיגונג. אַז זיי וואָס האָבן נישט קיין נשמות און זענען געגליכן צו חיות זאָלן הרגנען דיין פאָלק. — איך בין נאָר אַ ייִנגל פון עלף יאָר, אָבער איך האָב אויגן און קען זען. איך ווייס גאַנץ גוט אַז אַלע ייִדן האָבן דיך נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט; טאָג און נאַכט, פסדר האָבן זיי נאָר געטראַכט וועגן דיר. תמיד און תמיד. טראַכטן זיי, די גוים, אַמאָל פון דיר? זיי בוקען זיך פאַר הילצערנע אָפּגעפּאַרבטע געטשקעס, וואָס קענען נישט זען, נישט הערן און נישט ריידן אַפילו איין וואָרט. ליבער גאָט, גיב מיר צוריק מיין פאָטער, דו ווייסט ווו ער געפינט זיך, ער איז געגאַנגען אין שול אַריין פאַרהיטן די תורהס פאַר גויאישע הענט. איך בין נאָר אַ קליין ייִנגל פון עלף יאָר, איך קען נישט פאַרבלייבן אַ יתום אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. — איך וועל וואַרטן דאָ ביז ביי נאַכט און דערנאָך וועל איך מיך צוריק אַריינגנבנען אין שטאָט. / דאָס קול פון אַ מ י י ד ע ל ע הערט זיך; „מאַמע! מאַמע! נאָך אַ ווײַלע קומט זי אַריין /

מ י י ד ע ל ע

מאַמע! מאַמע! וווּ איז מיין מאַמע?!

י י נ ג ל

ווו האָט זי דיך איבערגעלאָזן?

מ י י ד ע ל ע

זיי האָבן זי אַוועקגענומען. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אויוון.

י י נ ג ל

אין אויוון ווו מען באַקט ברויט?

מ י י ד ע ל ע

איך בין אַריינגעקראָכן, ווען איך האָב זיי געהערט קומען.

י י נ ג ל

וואַרט ביז ביי נאַכט, אַלע ייִדן וועלן צוריקקומען אַ היים, וועסטו רעכנמאָל געפונען דיין מאַמען.

מ י י ד ל

מיר האָבן נישט קיין היים. אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן און מיין

שוועסטער הנה אויך. / צעוויינט זיך /

י י נ ג ל

וויין נישט. גאָט וועט זיי שטראָפן, ווען משיח וועט קומען. ער מוז קומען אין גיכן.

מ י י ד ל

איך וויל נאָר געפונען מיין מאַמען: איך האָב געזען ווען זיי האָבן זי צוגענומען. זיי האָבן געוואָלט געלט. איך האָב געוואָלט נאָכלויפן דער מאַמען, נאָר איך האָב זיך אַזוי געשראָקן, ווייל איך האָב געזען וואָס זיי האָבן געטון חנהן. זיי האָבן פון איר אַראָפּגעריסן די קליידער און —

י י נ ג ל

זאָג נישט, עס איז נישט שיין, איך בין אַ ייִנגל. — הער אויף וויינען. וועסט זען אַלץ וועט נאָך זיין גוט: לאָמיר דאָ וואַרטן ביז ביי נאַכט, עס איז אַ גוט באַהעלטערניש. ווען מיר וועלן זיי זען גיין, וועלן מיר זיך באַהאַלטן אין די קוסטן. ווו ווויגסטו?

מ י י ד ל

אויף יענער זייט שטאָט, ביים זאַליסעוווקער וועג.

י י נ ג ל

איך ווייס ווו דאָס איז, אַלע ייִנגלעך, פלעגן מיר גיין אַהין שפּאַצירן שבת.

מ י י ד ל

ווו וווינסטו?

י י נ ג ל

לעבן גרויסן בית המדרש. מיין טאַטע איז דער שמש.

מ י י ד ל

איך האָב געזען דאָס בית המדרש, עס איז אינגאַנצן אָפּגעברענט, און די תורה׳ס ליגן צוואָרפן אין גאַס, אינגאַנצן צוריסן.

י י נ ג ל

טאַקע באמת? איך פאַרשטיי גאַר נישט מיין טאַטן. אַזוי היט מען עס? — איז אונדזער הויז אויך פאַרברענט?

מיידעל

יאָ צאָלסדינק איז פאַרברענט, די גאַנצע שטאָט. / עס הערט זיך דאָס קול פון אַ מאַסע שיכורים / אָט קומען זיי.

יינגל

האָב קיין מורא נישט, איך וועל דיך אָפּהיטן. קום דאָ אַריין אין די קוסטן. זעסט, איצט גייען זיי אַ היים, באַלד וועלן מיר קענען גיין צוריק אין שטאָט אַריין. / זיי באַהאַלטן זיך צווישן די קוסטן. אַ מאָ נאָטאָנער סטאַקאַטאָ געבריל לאָזט זיך הערן. עס קומען אַ גרופּע סלאַחן בלאָנדע האָר, גלעזערנע בלויע אויגן, וואָס גלאָצן אין ליידיקן, די פּנימער אויסגעצויגן, די פינגער זענען ביז צו די דלאָ ניעס אײַנגעטונקען אין בלוט. זיי בלייבן שטיין אין מיטן פון דער בינע און וואַקלען זיך ריטמיש פון רעכטס נאָך לינקס און צוריק /

די סלאַחן

בלוט, בלוט
גיט אונדז בלוט
מיר ווילן בלוט
יידיש בלוט, יידיש בלוט
גיט אונדז בלוט, בלוט
מיר ווילן בלוט
יידיש בלוט, יידיש בלוט
בלוט, בלוט
בלוט, בלוט
יידיש בלוט,
גיט אונדז בלוט, גיט אונדז בלוט
יידיש בלוט, יידיש בלוט
מיר ווילן בלוט
בלוט, בלוט, בלוט, בלוט
בלוט —

/איינער פון זיי שמעקט אין דער לופט/

איינער

ס — ם, ס — ם, חברים בלוט

יידיש בלוט.

אַלע

נישטאָ קיין ייד, נישטאָ קיין ייד,
געטויטעט שוין —

איינער

איך שמעק דאָ בלוט, איך שמעק דאָ בלוט,
עס מוז זיין נאָענט,
עס מוז זיין נאָענט,

מיידעלע

/ צווישן די קוסטן / ווי איז מיר, איך האָב פאַר זיי מורא.

יינגל

האָב נישט קיין מורא. טו תפילה צו גאָט. איך טו אויך תפילה, ער וועט מיר העלפן דיך אָפּהיטן.

מיידעלע

דו ביזט דאָך נאָר אַ קליין יינגל און זיי זענען אַזעלכע גרויסע גוים

יינגל

דוד המלך איז אויך געווען אַ קליין יינגל און גלית הפלישתי איז געווען אַזאַ גרויסער, אָבער אַ מיידל ווייסט נישט. איך וועל נעמען אָט דעם שטעקן.

איינער

איך שמעק דאָ בלוט, איך שמעק דאָ בלוט
עס מוז זיין נאָענט

אַלע

זוך — זוך — /אַלע בויגן זיך איין זוכנדיג אויף דער ערד/
וו? וו? —
זוך! זוך!

איינער

זכט! זעט!

יינגל

/קומט אַרויס פאָכנדיק מיטן שטעקן / שמע ישראל ד׳ אלוהינו ד׳

אחד!

ד י ס ל א ו ן

/אַ מערדערישן קויטש אָה! — /

פאַרדאַמט! פאַרדאַמט!

י י נ ג ל

/קעמפּט מיט זיי ביז זיי פאַלן אַלע אנידער טויט/

מ י י ד ל

/ביים יינגל/ דו ביזט אַזוי שטאַרק.

י י נ ג ל

ניט איך, איך בין נאָר אַ קליין יינגל פון עלף יאָר, גאָט האָט זיך פאַר מיר געשלאָגן.

מ י י ד ל

אפשר זענען זיי געווען שיכור, איך ווייס מיר פלעגן זיי פאַרקויפן בראַנפן

י י נ ג ל

ווייסט וואָס מיר דאַרפן איצט טון! מיר דאַרפן בענשן גומל.

מ י י ד ל

איך קען דען?

י י נ ג ל

איך קען אויך נישט פון אויסנווייניק. אָבער אין אָוונט וועל איך זאָגן מיין טאַטן.

מ י י ד ל

/הויבט ווידער אָן צו וויינען!/ אָבער איך וויל צוריק צו מיין מאַמען.

/טענצערין אויפן סאָפאַ, אַרטיסט לעבן איר

אַ ר ט י ס ט

— און איך האָב דיך ליב, דו אויסדערוויילטע פון מיין נשמה. דיינע שוואַרצע צעפּ, ווי די סודות פון דער נאַכט גלאַנצן פון דער הייסער זון פון אונדזער היים. די טיפע ימים, דיינע אויגן, שפּיגלען ליכטיק אָפּ דעם הימל ווי דער בלויער ים כנרת.

כאָטש דעם סאַמעט פון דיין הויט האָבן אָפּגעבלייכט די פרעמדע ווינטן, שמעק איך נאָך דעם זיסן ריח

פון גליענדע רויטע אָלעאַנדערס

ווען מיינע ליפּן רירן דיך /קושט זי/

אין פרעמדע פעלדער בלאָנקעסטו אַרום

און איך אַן איינזאַמער, וואַרט אויף דיר.

פייגל לאָקערן מיך מיט זייער בלאָסן פרידן פון פאַרגעסן, אָבער מיין האַרץ געהערט צו דיר. וויל איך האָב געהערט דיין שירה ווען דער ים סוף איז טרוקן געוואָרן, און איך האָב דיך געזען מקריב זיין דיין לעצטן זון. די פוטקאָוועס פון די קרייצפאַרערס האָבן געבראָכן אונדזערע ביינער אינאיינעם; ערשט נישט לאַנג האָבן די זעלבע שמוציקע הענט געטויטעט אונדזערע טאַטעס און מאַמעס. פאַרוואָס גיסטו אַוועק דיין צאַרטע נשמה, וואָס איך האָב אַרום מיין האַרצן אויסגעוואַרעמט, צו די שכנים די פרעמדע? פאַרוואָס האָבן זיך אונדזערע וועגן צעשיידט?

ט ע נ צ ע ר י ן

/אין שלאָף/ „אויף מיין געלעגער, ביי נאַכט, האָב איך געזוכט דעם, וואָס מיין נשמה האָט ליב, איך האָב אים געזוכט און איך האָב אים נישט געפונען.“

אַ ר ט י ס ט

ביין! ביין! ביין! עס איז נישט די נשמה, עס איז דער גוף! דער חומר! דער חומר! דער חומר!

אין סטודיאָ

מען הערט דאָס שנאָרכצן פון מאַן. געלעס ליכט. מאַן שלאָפט אויף דער סאָפאַ, טענצערין שטייט לעבן אים/

טענצערין

/דעקט אים פאָרזיכטיק צו, קושט אים אויף דעם מויל/ דו שלאָפסט שוין אַ צייט, ליבענקער /קושט אים ווידער/

מאַן

/געניצט שטרעקט זיך/ וויפיל איז דער זייגער?

טענצערין

איך הויב נישט אָן צו וויסן.

מאַן

/קוקט זיך אַרום/ ווו זענע, מיר?

טענצערין

ווייסט נישט? ביי דעם משוגעם אַרטיסט אין סטודיאָ.

מאַן

אָ, איך דערמאַן מיך שוין. דאָס איז דערזעלביקער חברהמאַן, וואָס האָט מיר נישט געוואָלט אויפמאַכן די טיר, ווען די פּאָליסלייט זענען מיר נאָכגעלאָפן?

טענצערין

גיי שוין די גולמ׳ל ווער מיר פּאָליסלייט, ווו מיר פּאָליסלייט.

מאַן

איך פאַרשטיי נישט, ווי הייסט?

טענצערין

צום אַזוי הייסט. האָסט דיר עפּעס איינגערעדט. וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין. מיינסט אַז די זשוליקעס האָבן געוואַרט אויף עפּעס. אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעשאָסן, זענען זיי אַנטלאָפן ווי דער שוואַר׳ צער פעפער וואַקסט. זיי האָבן געוואָלט שרעקן, האָבן זיי געוואָלט. אָבער סיידין שרעקט מען נישט. איך קען דאָך זיי, די ממזרים, אַלעמען קען איך זיי. זיי ווייסן אַז איך קען זיי צעוועקשיקן- איבערן

וואַסער, די גאַנצע פּאָליאַסטרע. אָבער, באַנדיטן, זיי ווייסן אַז סיידי וועט נישט מכר׳ן — דאָס איז לויאַס אַ שטיקל אַרבעט ער איז משוגע פאַר מיר און איך האָב אים טיף טייער אין דער ערד. זיי מאַכן מיך שוין קראַנק די פאַקקודנע זשידעס, אוי, ווי איך האָס זיי. קוק דיר אָן דעם חברהמאַן דאָ. ווייסט דער שוואַרצער יאָר, עפּעס איז דער מער מיט זיי, מיט אַלעמען, די גוטע ווי די שלעכטע. אַלץ טוען זיי אַנדערש. גלאַט אַזוי ווי אַ מענש איז ביי זיי נישטאָ. אָדער ס׳לאַכט, אָדער ס׳וויינט. און אַז דאָס קוקט דיך אָן מיט די אויגן, נעמט דאָס דורך. קיין סודות איז פאַר זיי נישט פאַרהאַן. זיי נעמען אַ נשמה און רייסן פון איר אַלץ אַרונטער, ביז די הויבסט אָן צו ציטערן פאַר זיי.

מאַן

דו האָסט ליב אונדזערע מענשן.

טענצערין

איך האָב דיך ליב, דו נאַריש קעצל.

מאַן

נא, האָב איך דאָס געמוזט זיין אָנגעשיכורט

טענצערין

עס איז דאָך כם, וואָס זיי פאַרקויפן. מען וואָלט זיי באַדאַרפט אויפהענגען, די פאַרדאַמטע מערדערס.

מאַן

ווייסט וואָס איך וועל דיר דערציילן, מען דאַרף זיך נעמען דעם וועג.

טענצערין

איצט אָ? ביזטו משוגע? איך בין זיכער אַז די גאַנצע שייקע וואַרט אין דרויסן. איך געטרוי זיי נישט

מאַן

און וואָס וועט דער יאַט זאָגן?

טענצערין

זאָל עס נאָר דיך נישט אַרן. איך וועל מיט אים ריידן.

מ אַ ן

דער קאָפּ דרייט זיך מיר נאָך אַלץ.

ט ע נ צ ע ר י ן

דו לייג דיך בעסער צוריק שלאָפן. אָט אַזוי. /דעקט אים איין, קושט אים/ מאַך צו די אויגן און שלאָף.

/אַ ר ט י ס ט קומט אַריין/

אַ ר ט י ס ט

איר זייט נאָך אַלץ דאָ?

ט ע נ צ ע ר י ן

יע, מיר זיינען נאָך אַלץ דאָ.

מ אַ ן

/דרייט זיך איבער מיט דעם פּנים צו דער וואַנט/ דו רייד מיט אים.

אַ ר ט י ס ט

איר פֿילט מיר אָן דאָס גאַנצע הויז, איך קען נישט אָטמען.

ט ע נ צ ע ר י ן

איך פערשטיי דיך נישט, פֿון וואָס רעדסטו?

אַ ר ט י ס ט

איך ווער דערשטיקט, גייט אייך! גייט —

ט ע נ צ ע ר י ן

מיר קענען נישט אַוועקגיין אין מיטן דער נאַכט, ווען די געוועס־מערס וואַרטן אויף אונדז אין דרויסן.

אַ ר ט י ס ט

מיין לופט מוז ריין, זי איז פֿול מיט פֿלייש, איך קען נישט אָטמען.

ט ע נ צ ע ר י ן

איך פאַרשטיי אַפילו נישט וואָס דו רעדסט, נאָר איין זאַך לאָמיך דיר זאָגן. אָט דאָ זיינען מיר און דאָ בלייבן מיר.

אַ ר ט י ס ט

שיק אים אַרויס, איך קען אים נישט פאַרטראָגן.

ט ע נ צ ע ר י ן

ער איז [illegible].

אַ ר ט י ס ט

ער איז אַ פרעמדער, נישט פֿון דיין מין.

ט ע נ צ ע ר י ן

ער איז מיר ליבער פֿון דיר, אויב דו ווילסט עס וויסן

אַ ר ט י ס ט

ער איז די בלאָטע, נאָך וועלכע דו בענקסט, ער איז אַפילו קיין חיה נישט, טעמפּ, אָקסיש. גייט! גייט אייך פֿון דאַנען.

ט ע נ צ ע ר י ן

אפשר ווייל ער איז נישט קיין ייד? טאַקע דערפאַר האָב איך אים ליב, פאַרשטייסט? איך האָב אים ליב, ווייל ער איז נישט ווי איר זייט, ער איז געזונט, אַרום און אַרום נישט אַזעלכע עקעלהאַפטע קראַנקע כאַליערעס, ווי איר יידלעך זייט.

אַ ר ט י ס ט

אָט דאָס איז עס טאַקע! אָט דאָס איז די אומגערעכטיקייט, וואָס די האָסט באַגאַנגען און אַלע דורות קעגען מיר דעם מאַן, די שלעפּסט אַרונטער אונזער טויזנטער יאָרען צו יענער בלאָטע, פֿון וועלכער מיר זענען אַפילו נישט געקומען.

ט ע נ צ ע ר י ן

מיך קענסטו נישט איבערשרעקן מיט דיינע אויסטערלישע רייד /דער מאַן זעצט זיך אויף/ דו ביזט נישט בעסער ווי יענע באָמס וואָס האָבן מיך געוואָלט דערשיסן, כאָטש דו ביזט אפשר נישט קיין גנב. ווייסט וואָס פאַרא ווערט דו האָסט ביי מיר? /קנאַקט מיט די פינ־גער אין זיין פּנים/ אָט אַזויפיל אָ. זעסט, אָט דעם מאַן האָב איך ליב, און ווייסט פאַר וואָס? ווייל ער איז אַ מאַן, מער מאַן פֿון דיר און דיין גאַנצע כאַליאַסטרע, כאָטש ער שיכורט זיך אַמאָל אָן. איך בין אַ פרוי און מיר געפעלט אַזאַ מאַן. איך בין נאָר מענטשלעך. איצט פאַרשטייסטו מיך?

אַ ר ט י ס ט

אָ, יאָ; דו ביסט עס, די זעלביקע, דו ביזט געקומען מיט מיר פֿון דער מדבר אין דעם לאַנד כנען, און דיר האָב איך דאָס אַריינגע־שטאָכן מיין שווערט, אין דיר און אין יענעם אָ.

מאַן

/שלעפּט זי אַוועק/ קום נאָר אַהער, סיידקע. וואָס ווילסטו האָבן פון דעם מיידל? דו רייד צו מיר. אויב דו האָסט עפּעס צו אינדז, וועל איך דיר ענפערן.

אַרטיסט

פאַרלאָז מיין הויז! איך האָב געהאַט גענוג פון דיר. מיינסט איך קען דיך נישט? דו ביזט די קאָמבינאַציע וואָס געחינט ווייבער אין מלחמות, אָבער אַרויס פון מיין הויז, דו פאַרפּעסטעסט מיין שפּס. אדויס!

מאַן

הער זיך צו, איך וואָרען דיך, הער אויף צו שרייען, אויב דו ווילסט דוקי, אויפוועקן שכנים, וועל איך דיך באַלד בינדן און דיר פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

אַרטיסט

בינדן וועסטו מיך? טאַקע בינדן? אָבער דו קענסט נאָך מיך נישט. זעסט -- /ציט אַרויס אַ רעוואָלווער/ דאָס איז מוח דאָס קען זיך דורכריידן מיט ברוטאַלן כוח. ווי געפעלט דיר עפּעס אַזאַ דע גאַטע? אַ פיין דעבאַטקעלע.

טענצערין

ער איז משוגע, ער וועט דיך נאָך דערהרגענען, לאָמיר גיין.

מאַן

דו האַלט דעם פּיסק, ער וועט קיינעם נישט הרגענען.

טענצערין

ער איז דאָך משוגע.

מאַן

לייג אַוועק דעם רעוואָלווער. אויב דו ווילסט האַנדלען ווי אַ מאַן וועל איך מיך מיט דיר דורכריידן.

אַרטיסט

צו איך בין אַ מאַן? נאָך מער ווי דו האָסט ווען געהאָפט צו זיין. אָבער איך בין מיטרער פון דיר. אַ גאָט, ווי גוט, ווי גוט, דאָס ערשטע

מאָל אין מיין לעבן, וואָס דו ציטערסט פאַר מיר איצט בין איך באַלעבאָס, איצט וועסטו פון דאַנען נישט אַוועקגיין, ביז איך וועל נישט הייסן.

טענצערין

דזשעקי, טייערער, ער איז דאָך משוגע.

מאַן

דו שרעק זיך נישט און רייד נישט, עס וועט דיר גאָרנישט געשען.

אַרטיסט

איצט האָב איך אייך ביידע. דיך, דיך מיין איך. איך נעם זיך נישט אָן באַר מיין קריוודע. איך נעם זיך אָן פאַר אַלע יידישע מענער פון אַלע יידישע דורות. זעסט מיין שוואַכן קערפּער, וועלכען דו האָסט אַלע מאָל פאַראַכטעט ווי געפעלט ער דיר איצט? ווייסט פאַרוואָס ער איז אַזוי צעבראָכן? ווייל איך דאַרף אים ניט. איך דאַרף נאָר אַזויפיל קערפּער כדי אויפצוהאַלטן מיין גייסט. גייסט איז די הויפּטזאַך, איצט וועל איך עס דיר באַווייזען. איצט איז אַ קאַמפף, צווישען ביידע. און עס איז שוין אָנגעשריבען פון אויבען ווער עס זאָל געווינען. און דו — דיך מיין איך. דיך האָס איך אויך נישט פון היינט אָן. מיין שנאה האָב איך געירשנט, דו האָסט זי פאַר מיר אָנגעזאַמעלט זיבן דורות.

מאַן

מיך אַרט ניט, אַז דו האסט מיך, אָבער לאָז מיך מיט איר אַרויסגיין.

אַרטיסט

אַזוי גיך? אַזוי לאַנג געוואַרט און שוין לאָזן אַרויס? וואַרט, דער פּראָבלעם איז געלעזט. האָב מיט איר חתונה.

מאַן

וואָס הייסט, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן? ווייל דו ווילסט אַזוי?

אַרטיסט

איך האָב עס באַשלאָסען. דו מוזט מיט איר חתונה האָבען, מיר ווילן נישט דיין זרע צווישען אונז ביז אייביק. מיר זיינען נישט אַ פאָלק, וואָס לעבט פאַר אַ טאָג, מיר מוזען פּלאַנעווען אויף יאָר'

טויזנטע, טראַכטן, כסדר טראַכטן. אויב דו וועסט מיט איר חתונה האָבן וועלן אירע קינדער געהערן צו דיר. דאַרפסט נישט מורא האָבן, זי וועט זיין אַ גוטע מוטער, מיר האָבן וונדערבאַרע מאַמעס; האָבן מיר אייך נישט געגעבן איין גרויסע מאַמע?

מאַן

אַה, געגוג זיך געוויצעלט; אַהער גיב דעם רעוואָלווער / שפּרינגט צו צום אַרטיסט, עס געלינגט אים אָבער נישט צו קריגען דעם רעוואָלווער /

אַרטיסט

ריר מיך נישט אָן, דו בעסטיע! ריר מיך נישט אָן.

טענצערין

לאָז זים אָפּ, לאָז זים אָפּ! איך האָב מורא.

אַרטיסט

היט דיך, וועסט פאַלען.

מאַן

איך מוז קריגען דעם רעוואָלווער

אַרטיסט

קיינמאָל נישט! נאַ! /שיסט אויס, דער מאַן פאַלט אין אַ הויפן/

טענצערין

אַה! —

אַרטיסט

איך האָב זים געהרגעט! געהרגעט, איך אים, נישט ער מיך!
איך האָב אָפּגעווישט דעם פלעק פון זיך. אַ סלאָח ביזטו? גוט אזוי.

טענצערין

האָב רחמנות, לאָז מיך לעבן.

אַרטיסט

דו ווייסט וועד פנחס איז געווען? ער איז געוועזן מיינער אַ זיידע פון מיין באַבנס צד.

טענצערין

איך בעט דיך, לאָז מיך לעבן.

אַרטיסט

ווייסט, וואָס פנחס האָט געטאָן? ביידע האָט ער געהרגעט! / שרייט ווילד / ביידע!

טענצערין

(שרייט / שיס נישט! שיס נישט! שיס נישט! / פינסטערניש /

/ זייער טונקל בלויע ליכט /
/ אַרטיסט, מייבלס מוטער אין אַן אויבערשטן פענסטער /

אַרטיסט

/ קלאַפּט שטאַרק אין טיר / מאַך אויף! מאַך אויף! איך מוז אַריין! איך מוז

מוטער

וואָס ווילסטו?

אַרטיסט

איז דאָס אַ פאַרם הויז?

מוטער

יאָ, דאָס איז אַ פאַרמערס הויז.

אַרטיסט

איז ביי אייך פאַרהאַן אַ וועראַנדע און קריכערס דראַפּען זיך אויפן דאַך?

מוטער

דער ווילדע האָט זיי פאַרפלאַנצט, מיין מאַנס זיידע.

אַרטיסט

די הינער אין קאַמער שרעקן זיך, זיי שרעקן זיך.

מוטער

פאַרגאַנגענע וואָך האָבן מיר געכאַפּט דעם פוקס מיט אַ פאַסטקע. צוויי הינער זיינען געשטאָרבן, געבעך צוויי.

אַרטיסט

צינד אָן אַ ליכט אין פענסטער, אַ ליכט וואָס וועט מיך פירן

מוטער

דאָס הויז איז אַנטשלאָפן, עס מוז זיין פינסטער, די אויגן טעלן אים וויי טון.

אַרטיסט

קיין, קיין מאָל מאַכט איר אייער טיר נישט אויף. איר זאָגט תירוצים. ביזטו דעם פאַרמערס ווייב?

מוטער

יאָ, דעם פאַרמערס אַרבעטס־ווייב, ער האָט נישט מער ווי די איינע.

אַרטיסט

דו האָסט אַ ברייטען פאַרטוך און שכנים?

מוטער

מיין פאַרטוך האַלט זיך אין וואַשען און מיינע שכנים האָבן פאַרקויפט און אַוועקגעפאָרען.

אַרטיסט

ביי וועמען האָסטו וויסט פאַרטיעס?

מוטער

נאָך אַלץ האָבן מיר וויסט פאַרטיעס, ווייטער אַרויף וווינען פאַרמערס.

אַרטיסט

אויב אַזוי, זאָג מיר נאָר, איז מייבעל דיין — דיין — ווי רופט מען דאָס נאָר, — וואַרט — טאָכטער, טאָכטער, איך האָב געזוכט דאָס וואָרט.

מוטער

/ זיפצט / אוי, מיין טאָכטער, משט יינס געזאָגט.

אַרטיסט

איך בין געקומען נאָך פרידן, פרידן וויל איך. מייבעל האַלט דעם פרידן פון דער גאַנצער וועלט און זי גיט נישט. זי איז אַזאַ קמצן.

מוטער

מייבעל איז אַוועקגעפאָרן, זי איז אין דער גרויסער שטאָט. אונזער הויז איז פאַר איר צו קליין, זי האָט נישט ליב קיין פרידן, זי איז געגאַנגען זוכן ס׳לעבן.

אַרטיסט

אָ ניין, זי מוז דאָ זיין, מאַך נישט צום נאַר אַ צוברעכנעם מענטשן זי האַלט דעם פרידן פון דער גאַנצער וועלט. זי האָט ריינע לאַנגקעס אַלטע בוימער און אַלע בלאַסע שמייכלען פון דער גאָרער וועלט, מאַך מיר אויף די טיר.

מוטער

עס איז דאָך חצות און דו ביזט אַ פרעמדער, ווי קען איך דיך

אַריינלאָזען?

אַרטיסט

מייבעל האָט מיר צוגעזאָגט.

מוטער

מייבעל איז אַוועקגעגאַנגען און ווער ווייסט אויב זי וועט אַמאָל קומען. ווען זיי גיין אַוועק, קומען זיי נישט צוריק ביז ליידען פרעג' גען זיי אַריין מיט דעם קאָפּ פריער. אפשר וועט זי געפינען אַ חתן.

אַרטיסט

ליבע, ליבע, ליבע, מייבעל דאַרף ליבע. חתנים זיינען שטעלפאַר' טרעטערס

מוטער

גיי אַהיים, עס איז שוין נאָך חצות, דער האָן וועט קרייען. זעסט די שטערען? זיי וועלען דיר ווייזן דעם וועג אַ היים.

אַרטיסט

עס איז נאָך הצות, די שטערן זיינען אַ היים געגאַנגען שלאָפן צווישן ווייסע פערענעס. לאָז מיך אַריין.

מוטער

די ביזט דאָך משוגע! כא! כאַ! כא! / אַ זייער שאַרפער געלעכטער, פאַרקלאַפּט דאָס פענסטער. דער געלעכטער הערט זיך נאָך אַלץ /

/ גאַזליכט /

/ די טיר, אַ בעט, אַ קאָמאָדל און אַ פענסטער מיט אַ האַלב פיר הענגל /

די באַלאַבאָסטע, אַרטיסט

באַלעבאָסטע

/ ביי דער טיר / מייבל איז נישטאָ אין דער היים. זי קומט קיינ, מאָל נישט אַזוי פרי.

אַרטיסט

נו, עס מאַכט נישט, איך קען וואַרטען.

באַלעבאָסטע

זי קומט קיינמאָל נישט פאַר צוועלף, עס איז לאַנג צו וואַרטען.

אַרטיסט

נאָך צוועלף, ווען אַ קאַלטער ווינט כאַרפעט צווישען טויטע סודות, און אַלע בעטען זיינען אָנגעפילט מיט אויסגעגרידטע בהמהס. נאָך צוועלף שטאַרבט די נאַכט. עס איז נישט לאַנג, איך קען וואַרטען, עס קען זיין אַז מיין דערלייזונג זאָל קומען.

באַלעבאָסטע

איך האָב מיט אייך מיטלייד, אָבער גוי קען אַך וואַרטן איינע אַליין מיט אַ מאַן אין גויז. ענטשולדיקט.

אַרטיסט

זיכער, זיכער ענטשולדיג איך, מיט פאַרגניגען. אָבער איך וועל לאַנג נישט וואַרטען. נאָר אַיין מינוטקעלע. איך וויל נאָר כאַפּען דעם אָטעם, דעם אָטעם פון מייבעל'ס צימער. / זי לאָזט אים אַריין /

באַלעבאָסטע

איר האָט ליב מייבלען.

אַרטיסט

אַ מיידלס צימער אָטעמט מיט פרידן און צניעותקייט. ביי נאַכט טאַנ־צען אַרום אין צימער רויטע שלייכיקע זינד, זיי טאַנצן אויף דעם בעט, זיי קריכן אויף איר נאַקעטן קערפּער און קוועלן זי. אַז

דער פרי גייט זי אַרום אין אַלע ווינקעלעך, קלייבט אויף אירע זאַכן אויף אַ שפּענדעל און וואַרפט זיי אַרויס מיט דעם מיסט. מיסט איז געבליבן פון אירע רויטע חלומות. אין דער פרי נעמט דאָס בעט און פוצט זיך אויס ווי אַ בתולה, אַלץ פאַרגעסן. אַזוינע היפּאָקריטען זיינען שוין בעטן.

באַלאַבאָסטע

איך בין אַן אַלטע בתולה.

אַרטיסט

זאָג נישט, בתולות זיינען קיינמאָל נישט אַלט. זיי זענען נאָר פאַרוויאַנעט, ווי קינדער, וואָס זיינען קיינמאָל נישט אויפגעוואַקסן. זיי זאַמלען נישט קיין חכמה, נאָר וויסן. דו ביזט אַ קינד. דיין נשמה מאַכט אויף אירע בלאַסע מילך-אויגן קעגן דער זון און איז פול מיט בושה. מיין האַרץ ווייטאָקט מיר פאַר דיר.

באַלאַבאָסטע

מיין האַרץ ווייטאָקט מיר פאַר דיר אויך, ווייל דו האָסט ליב מייבלען אָט דאָ איז די פושקע, ווו זי לייגט אַוועק אירע האָר יעדן מאָרגן נאָכן צוואָגן, מיינע האָר זיינען שוין לאַנג אויסגעקראָכן

אַרטיסט

איך האָב ליב אירע האָר, זיי שמעקן מיט זינד. אַפילו ווען איר מויל רעדט צניעות, שמעקן אירע האָר זינד. — — — עס איז אַזוי פרידלעך דאָ. (פאַרמאַכט די אויגן) — — — נעם דאָס קיכבימעסער און האַק אָפּ מיין פאַרגאַנגענהייט, — ניין! חלילה! מיין צוקונפט וואָלט איך פאַרבלויקט צום טויט. איך בין נישט אומדאַנקבאַר — — —

באַלאַבאָסטע

איר זייט שוין דאָ צו לאַנג, וואָס וועלן די שכנים זאָגן?

אַרטיסט

דערציילט זיי, אַז איך האָב ליב מייבלען און אַז איך בין געוועזן אין איר צימער. דאָס צימער קען שוין קיינמאָל נישט זיין ווי פריער. איצט גיי איך שוין. הערסט ווי דער שטורם רעזט? / פאַר אַ האַלבע מינוט הערט זיך אַ פורכטערליכער שטורם. / פאַרגעס נישט! דו מוזט כאָטש האָבן איין זינד איידער דו שטאַרבסט, אויב נישט וועט מען דיך אין הימל נישט אַריינלאָזן. עס טוט מיר לייד, איך קען נישט. מיין פאָטער איז געווען אַזוי ריין, און מיין זיידע איז געווען אַ הייליקער. זיי מיר מוחל / גייט אַרויס /

אַ טעאַטער

/ אין הינטערגרונד פון דער בינע געפונט זיך נאָך אַ בינע, נידרי־קער צום פראָנט, עטליכע בענק פאַר „פובליקום״ אין פראָנט לינקס געפונט זיך אַ טעאַטערקאַסע אין, אויף אַ שטענדער, עטליכע ביל־דער פון האַלב נאַקעטע מיידלעך פון אַ בורלעסק טעאַטער. רעכטס פראָנט געפונט זיך אַ וואַנט פון ציגל מיט אַ טיר וואָס טראָגט די אויפשריפט: „בינען אַ רנגאנג, איינטריט פאַרבאָטן.״ ווייסע ליכט אין פראָנט אַ שוואַכע געלע ליכט אין הינטערגרונט, ביז מען הויבט אויף דעם פאָרהאַנג פון דער צווייטער ביהנע. ווען דאָס געשעט, ווערן אַלע ליכט פון דער בינע אויסגעלאָשן און דאָס גאַנצע ליכט קומט פון דער צווייטער בינע. /

אויסרופער, אַרטיסט, גאַדעראָבן דאַמע, מוזי־קער, אַנאָנ סירער טענצערין, טירהיטער, העראַלטער בצלאַווייריניק, פובליקום.

אויסרופער

דער בעסטער ספעקטאַקעל אין דער גאַס! דאַרפט איר שוין זען! — אוי האָבען מיר א טענצערין! — אַ טענצערין — שוין אייגמאָל א טענצערין. — אָה -- אָה — אָה — אזאַ ספעקטאקעל! -- קומט יידלעך! — קומט צַריין צו אונדז אין טעאַטער — פרישענקע צארטענקע, וויכענקע, בגענקע, — קומט, קומט צו אונזער כפעקטאַקעלו — אַן אמת בש רער בורלעסק טעאַטער — קוקט נאָר אָן די בילדער — — זעט צו זאָג איך אַ ליגען. — און אַ טענצערין, אוי מצַמע אַ טענצערין! — אינגעלעך האָט הנאה! — קומט אַ ריין! — קומט אַריין! — גייט צו דער קאסע! — אָט באַלד הויבט מען אָן צו שפילען. / פאַרבייגייער גייען צו צו דער קאַסע, קויפען זייערע בילעטען און גייען צַרויס. זיי קומען ווידער אַריין דורך אַ טיר אויבען לינקס./ אָה, אַן עקסטרא, אַ גרויסע עקסטרא הוינט ביינאַכט — דער גרעסטער ספעקטאַקעל אין גאַס.

אַרטיסט

/קומט אריין/ האָסט אכשר געזען א מיידל? — א מיידל מייבעל הייסט זי? בלויע אויגן, יאָ, יאָ, בלויע אויגן, עס איז אַ סימן.

אויסרופער

אינגחייניק, גוטער ברודער, זיינען פאַרהאַן פון אַלע מינים מיידלעך

(רופט) מיידלעך, מיידלעך, מיידלעך! פרישענקע, ווייכינקע, ליבענקע, מיט בלויע און שוואַרצע אויגן! קומט יינגאַלעך, קומט, די שענסטע מיידלעך אין שטאדט!

אַרטיסט

איך דאַרף האָבען מייבלען. ווו קען איך טרעפען מייבעלן?

אויסרופער

האָסט געלט אויף בילעט.

ארטיסט

געלט? — / שלעפט אַרויס פון קעשענע /

אויסרופער

געגנוג. / נעמט אים צו דער קאסע / נא, פארקויף דעם פארשוין א פלאץ, ער וויל זען מייבלען. גיי גלייך אריין און זע מייבלען.

אַרטיסט

חו?

אויסרופער

ארום דעם ראָג, כסדר ארום דעם ראָג / ארטיסט גייט ארויס און קומט ווידער אריין דורך דער אויבערשטער טיר לינקס /

אלטער באלאווייריניק

קומט אריין / א גוטן אוונט, הער אויסרופער. / דערלאנגט אים געלט

אויסרופער

/ פאַרנייגט זיך / גוטן אָוונט אייך, הער באַלאַווייריניק. וואָס מאַכט איר, הער באַלאווייריניק.

באַלאַווייריניק

/ קיקט אַריין אין דער קאַסע / גוטן אָוונט, הער קאסירער, אַ גוטן אָוונט האָב איך געזאָגט. — הייבט מען באַלד אָן צו שפילן? — יע טאַקע אַזוי, פינף. — דאָס וואָס איך האָב געזאָגט. — אַ דאַנק / דער אויסרופער גייט אַרויס. באַלאווייריניק קוקט זיך אַרום עטליכע מאָל איבער קיינער זעט נישט, גייט צו צום „בינען אַריינגאַנג״ און קלאַפט אָן. /

טיר אויפזעער

/מאַכט אויף די טיר/.

באַלאַווייריניק

אַ גוטן אָוונט, הער טיר-אויפזעער, אויב עס איז אייך נישט צו שווער, זייט אַזוי גוט און רופט מיר אַרויס די גאַרדעראָבן דאַמע. איך דאַרף זי באמת זייער און זייער נויטיק. דאָס איז פאַרן וועג. /דערלאַנגט אים געלט, די טיר פאַרמאַכט זיך/

גאַרדעראָבן דאַמע

/קומט אַרויס/ אָ, איר זייט דאָס? גוטן אָוונט, הער באַלאַוויי-ריניק.

באַלאַווייריניק

אַ גוטן אָוונט אייך, עס איז מיר באמת אַ פאַרגעניגן אייך צו זען. איר זעט אויס אַזוי פיין. אַז נאָר זיך צו פאַרליבן אין אייך.

דאַמע

גייט שוין, גייט, הער באַלאַווייריניק, איר זייט אַן אַלטער שמייכלער.

באַלאַווייריניק

איך מיין דאָס באמת.

דאַמע

/גיט אים אַ שטופ און צולאַכט זיך/ גייט שוין גייט.

באַלאַווייריניק

/גיט איר צוריק אַ שטופ און צעלאַכט זיך אויך/ איר זייט נאָך אַ נישקשהדיקע יידענע. — זאָגט מיר איך בעט אייך, האָט איר גערעדט מיט איר?

דאַמע

ווי זאָל איך עס זאָגן — איך האָב, יאָ גערעדט און איך האָב נישט גערעדט.

באַלאַווייריניק

/דערלאַנגט איר געלט/ דאָס איז דערווייל. קויפט זיך עפעס אַ שיינע זאַך.

דאַמע

איר באַליידיקט מיך, איך האָב חלילה דאָס נישט געמיינט. /רוקט עס אַריין אין אַ זאַק/ אָבער גאָר נישט, אַ שיינעם דאַנק קומט אייך סיי ווי.

באַלאַווייריניק

פאַר ווייניק, נישטאָ פאַרוואָס. עס איז פאַראַן גענוג.

דאַמע

איך האָב איר טאַקע דערציילט, ווי רייך איר זייט דאָס, אויטאָמאָבילן און אַלץ.

באַלאַווייריניק

און וואָס האָט זי געזאָגט?

דאַמע

איר ווייסט דאָך, אַ מיידל היינטיקע צייטן מוז זיין פאָרזיכטיק. דאָס ביסל שיינקייט גייט אַוועק און דערנאָך וואָס? קיינער וועט אויף איר אַפילו נישט אַ שפיי געבן.

באַלאַווייריניק

איך וויל דען עפעס אַזוי? איך וועל זי פאַרזאָרגן, אַפילו נאָך מיין טויט. — זעט וואָס איך האָב איר געקויפט. איך וויל עס איר דערלאַנגען נאָכן טאַנץ. /ווייזט צירונג/

דאַמע

איין קלייניקייט. וואָס פאַר אַ צירונג. דאָס דאַרף דאָך קאָסטן אַן אוצר מיט געלד. נאַ, אויב איר זאָלט מיט דעם נישט פועלן, ווייס איך שוין נישט. און שיין וועט דאָס זיין אויף איר האַלז.

באַלאַווייריניק

איאָ זי איז אַ שיינע?

דאַמע

צי זי איז שיין! ליכטיק, ווי די גאַנצע וועלט, און אַן אָרנטלעכע דערצו. אויב זי נעמט זיך אַ פראַנס, האַלט זי זיך אָן אים. מיר דוכט, אַז זי האָט איצט קיינעם נישט.

באַלאַווייריניק

דענקט איר, אַז איר וואָלט אונז געקענט צונויפברענגען? איך

זאָג אייך באמת, ווען נישט מיין אַלטע שלאַק, וואָלט איך מיט איר חתונה געהאַט.

דאַמע

איך גלויב אַז עס וועט גיין אַ גאַנג. איך וועל מיט איר נאָך אַ מאָל איבעררעדן. ווייסט איר וואָס, קומט אַהער נאָכן טעאַטער. עס וועט שוין גיין אַ גאַנג.

באַלאַווייריניק

אייך וועט אויך נישט באַנגטון. איך גיי איצט אַריין אין טעאַטער /גייט אַרויס, קומט צוריק אַריין אין דער לינקער לאָזשע/

מוזיקער

/קומען אַריין פון אונטער דער בינע. פאַרנעמען זייערע פּלעצער און שפּילן אויף אַ שרעקלעכע דיסאָנאַנץ-מעלאָדיע אין אַ זייער שנעלן טאַקט/

דער אַנאָנסירער

/ קומט אַריין אויף דער צווייטער בינע / מיינע הערן און דאַמען. היינטיקן אָוונט וועלן מיר דאָ פאַר אייך באַווייזן דעם גרעסטן בורלעסק-ספּעקטאַקל פון דער גאַנצענער וועלט — וועלט. היינטיקן אָוונט וועט דאָ פאַר אייך טאַנצן די גרעסטע — יאָ די גרעסטע טענצערין אין דער וועלט — וועלט. זי טאַנצט און טאַנצט און טאַנצט — אָט אַזוי, טאַנצט זי. זי וועט פאַר אייך היינט באַווייזן דעם טאַנץ, וואָס איז אויסגעוואַרימט און געבוירן געוואָרן אין דעם הייסעסטן לאַנד אין דער גאַנצענער וועלט — וועלט. אַזוי ווי שטרויספויגלען לייגן זייערע אייער אין זאַמד און זיי וואַרימען זיך — וואַרימען זיך. — אין אַפריקע. מיר וועלן היינטיקן אָוונט זען דעם טאַנץ, דעם גרויסן טאַנץ פון אַלע צייטן און דורות. נאָך פאַר די צייטן פון „אַ מאָל-אַמאָל" האָט שוין דער טאַנץ אויפגערודערט און אויפגעשטורמט, דאָס לעבן פון די מאַסן. געדענקט! — פון די מאסן. אָ, וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרער טאַנץ, דאָס איז! — עס איז דער טאַנץ פון די שפּרינגנדיקע זומער-פייגעלעך, פון די מרוקנדיקע טייבעלעך, פון די מיאַווקנדיקע קעץ אין די פייכטע פרילינגסנעכט. אַ חוץ אַלעמען איז עס דער טאַנץ פון די גרויסע זשאַבעס. דעם

ערשטן ציטער, האָט ער געטאָן אין די הייסע חינטן פון אַפריקאַ. געציטערט, ווי אַ פאַרשפּעטיקט הערבסט-בלעטל. אין די שפּורן פון די קעמלען איז ער געגאַנגען איבער דער מדבר, אין שלאַנקע פישער שיפלעך איז ער אַרונטער געפאָרן דעם טייך נילוס, ביז ער האָט פאַרפעסטעט די וועלט — די גאַנצענע וועלט. היינטיקן אָוונט וועט פאַר אייך טאַנצן אַן אמתע פרינצעסן, פרינצעסן טאַמאַראַ פון מוקטוט, די איינציקע טאָכטער פון דעם רעגירענדן מלך פון מוקטוט. דאָס איז אַזאַ לאַנד אין אַפריקאַ. עס איז פאַראַן אַזאַ לאַנד, איך מיין דאָס באמת. איר פאָטערס הארעם פון הונדערט זיבן און צוואַנציק ווייבער, האָט זי פאַרלאָזן אין אַ פינסטערער נאַכט. ווען איך דערמאָן מיך רייסט מיר דאָס האַרץ. דער מענעדזשער פון טעאַטער, האָט קיין מי און קיין געלט נישט געשפּאָרט און זי געבראַכט אַהער פאַר היינטיקן אָוונט. פרינצעסן טאַמאַראַ פון מוקטוט. / דער אָרקעסטרא באַגריסט די טענצערין מיט ליאַרם /

טענצערין

/טאַנצט אַרויס אויף דער צווייטער בינע. — בשעת דעם טאַנץ:/

אַ בלוטיק רויטע רויז בליט אין דער מדבר —
בליט אין דער מדבר.
אין דער ווייטער ווייסער מדבר.
איך טאַנץ — טאַנץ — טאַנץ —
מיין פאָטער איז אַ פרינץ, מיין פאָטער איז אַ פרינץ.
ווי קיל הענגט די נאַכט צווישן די קילע פּאַלמען
בלעטער!
דער טוי גלאַנצט אויף מיינע בריסטן, אויף מיינע
אָרעמס
ווי עלפנביין אין לבנה ליכט.
ציטערט — ציטערט דאָס לבנה ליכט אין טאַנץ
טאַם — טאַם — טאַם —
טאַם — טאַם — טאַם —
קלינגט אין פויק: קלאַפּט אין בויק!

איך טאַנץ -· טאַנץ – טאַנץ –

– – – – – – – – – – – – –

בליץ! – בליץ! – קאַלט איז דאָס לבנה-ליכט
צוויי מעסערס אין דעם האַרצן
פון דעם שוואַרצן
עוונוך – – – – טויט –

– – – – – – – – – – – – –

עס וויגט אַ קעמל זיך איבער דעם זילבערזאַמד
פון דער ווייטער ווייסער מדבר
„מען האָט געגנבעט די פרינצעסן!"
האָ! – האָ.
און איך טאַנץ – טאַנץ – טאַנץ –

– – – – – – – – – – –

וויקל מיר די רויטע שמאַטע אום די לענדן
ווייל איך טאַנץ, – טאַנץ!
קלאַפּט אין פויק! קלאַפּט אין פויק.
איך בין אַ שקלאַווין.
טאַם טאַ – טאַ, טאַם טאַם
אַ בלוטיק רויטע רויז איז פאַרפאַלן פון דער מדבר.
קויפט מיך! – קויפט מיך.

~~[illegible]~~

דיינע אויגן זענען מידע און דיין מויל איז פאַר·
וויאַנעט.

~~[illegible]~~

אָבער איך קאָן ליבן – ליבן – ליבן
רייס די רויז! – רייס די רויז!
אין דרויסן, אַרום דעם האַרעם איז די נאַכט אָנ·
געפאַלן

הא – – וי, הא – – –וי,
וויינען די שאַקאַלן, און
איך טאַנץ פאַר דיר, טאַנץ פאַר דיר!
זעסט ווי עס רונדן זיך מיינע היפטן,

און מיינע בריסטן ציטערן אין דעם טאַנץ.
אין אַ קילער נאַכט ווען דער רעגן
וועט קלאַפּן אין די פענצטער פון דיין האַרעם
וועלן דיינע דלאַניעס זיי האַלטן,
ווי דער ~~[illegible]~~ האַלט דעם וויין.

– – – – – – – – – – – – –

אַ קעניג וועט מיך, קויפן!
קויף מיך, מיין קעניג. קויף מיך.
אַ פרינצעסן ווײנט פאר דיר און בעט דיך.
די בלוטיק רויטע רויז וועט פאַרוויאַנען אין דער מדבר
טרערן נעצן מיינע באַקן.
איך טראָג מלכים אין מיין שויס און
פאַרטרוקנט איז דאָס כאַלק ביי דיר אין הערעם.

– – – – – – – – – – – –

– – – – – – – – – – – –

איך בין אַ מלכה! אַ מלכה! –
זאָג דיין פאָלק אַז אַ פרינץ איז געבוירן
הייב אים, הייב אים אין דער הויך,
זאָל זיין ראָזעווער קערפּער לייכטן
איבער דיין ווייסן, ווייסן קאָפּ.
לאָז זיי זען! לאָז זיי זען!
דיין פאָלק וועט דאָרט וואַרטן.
אַ קעניג איז געבוירן, אַ קעניג איז געבוירן
און איך בין דיין בלאַסע קעניגן.
טאַנצט איר שקלאַווין! אַ קעניג איז געבוירן,
טאַם טאַ-טאַ-טאַ –! טאַם טאַ-טאַ-טאַ.
טאַם-טאַם, טאַם-טאַם –
טאַנצט! טאַנצט!
אייער קעניגן טאַנצט מיט אייך, טאַנצט מיט אייך!

/ דער טאַנץ-ריטם האָט אַרומגעכאַפּט דאָס „פובליקום" און זיי הויבן אָן צו שוואַנקען אין דעם ריטם פון דער מוזיק /

טאַנצט איר שקלאַוון!

קלאַפּט אין פּויק! קלאַפּט אין פּויק!

/ דאָס פּובליקום צעשטופּט די בענק, זייער שוואַנקען אַנטוויקלט זיך צו אַ באַשטימטער מאַכן־טאַנץ באַוועגונג: איין שריט אויף צוריק, צוויי שריט אויף פאָרווערטס טאַנצנדיק איינער הינטער דעם אַנדערן אין אַ קאראהאד /

איך בין אייער געטן!

אויסן פון תחום פון אייער נידריקן לעבן שטייט מיין טעמפּל מעכטיק און איינזאַם. אין טעמפּל־הויף וואַלגערט זיך דער אָפּ־כוים פון ווייבלעכקייט און שרייט: „קויפט קערפּערס!"—גראָבט זיך אין שמוץ! עס איז מיין ווילן. — — — — דער לבנה־שיין קריכט אַריין צווישן די זיילן פון מיין היילִיקטום, אַ פּאַס פון ליכט גנבעט זיך מיט ערפורכט איבער מיינע פיס, מיין קאָפּ איז באַהאַלטן אין די מיסטעריען פון דער נאַכט. טיף אונטן אַ קאָכנדיקע מאַסע פון אומגליקלעכע באַשעפענישן טאַנצנדיק! טאַנצנדיק! —

/ דאָס פּובליקום קרעכצט אונטער דער שווערער מאַסע פון דער אויפגעוויגטער ליידנשאַפט, זייער קרעכצן ווערט לאַנגזאַם פאַר־וואַנדלט אין באַשטימטע ווערטער /

פּובליקום

לעבן — לעבן — לעבן —
גיב אונז לעבן, געטן, — לעבן!
גיב אונז ליבע, געטן! גיב אונז ליבע!
געטן — געטן — ליבע!
בלוטיק רויטע ליבע!
בלוטיק רויטע ליבע!
בלוט! — בלוט! — בלוט!
בלוט — בלוט — בלוט

/ זיי הערן אויף צו טאַנצן און רוקן זיך לאַנגזאַם צו דער אויבערשטער בינע /

גיב אונז בלוט!
מיר ווילן בלוט!

גיב אונז בלוט!
מיר ווילן דיין בלוט!

/ זיי זענען שוין באַלד ביי דער בינע גרייט זי אָנצוכאַפּן /

גיב אונז דיין בלוט!
מיר — ווילן — דיין בלוט — !

טענצערין

/ אַ קוויטש / אַה — — — — !

אַרטיסט

/ שפּרינגט אַרויף אויף דער בינע / שטאַרבט! — שטאַרבט איר בעסטיען! / אַ דונערשלאַק. אַלץ פאַרשווינדט אין פינסטערניש און טויטער שטילקייט /

אַ גאַס

/ אַ הויכער טויער פון אַ הויף אין אַ כורה אייראָפּעישן שטעטל /
אַרטיסט, טענצערין, דאָס קול פון פּאַסטוך.

אַרטיסט

/ טראָגט די טענצערין, קלאַפּט אין טויער / מאַך אויף, מאַך אויף !
איך מוז זען דעם פּאַסטוך.

קול

ווער וויל דאָס אַריינקומען אַזוי באַצייטנס אין מאָרגן ?

אַרטיסט

איך האָב געבראַכט אַ פאַרבלאָנזשעטע שאָף צוריק אין שייער.

קול

לאָז די שאָף אַליין רעדן מיט האַרצקלעמעניש אין קול.

אַרטיסט

דער טויט פאַרשטומט אַלע האַרצוווייטאָקן.

קול

דער שייער איז ריין. פאַרבלאָנזשעטע שאָף פאַרשלעפּן פרעמדע קראַנקהייטן. די וואָס האָבן נישט חרטה פאַרן טויט קומען קיינ' מאָל נישט אַריין, טראָג דיין שאָף אַוועק אויף די פעלזן, זאָלן די גייערס צופרעסן איר לייב.

אַרטיסט

איר לעבן איז געווען איינגעטונקט אין בלוט. די קינדהייט אין בלוט, דער טויט אין בלוט.

קול

„אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן“. אַ שאָף, וואָס ווערט פאַרבלאָנ' זשעט איז געגליכן צו אַ טויטן. וואַרף אַש אויף דיין קאָפּ.

אַרטיסט

אָבער די טשערעדע, עס פילט דאָך די טשערעדע דעם יחיד.

קול

די טשערעדע וועט בלייבן ריין, ווען אַפילו די לעצטע שאָף וועט פאַרבלייבן.

אַרטיסט

נו, און ליבע צוליב ליבע ?

קול

וואַרף עס אַוועק, עס איז פרעמד פאַר אונז.

אַרטיסט

מיין האַרץ טוט מיר וויי אָן איך בין מיד.

קול

מעסט נישט מיט פרעמדע מאָסן זוך אין דיר אַליין. — וויל !

אַרטיסט

דאָרטן איז פאַראַן פרידן און רו. דער אויסגעהויבענער קאָפּ פילט גאָרנישט מער, ווי דאָס בלאָזן פון ווינט. ביימער זענען ביימער, וואַסער איז וואַסער, פראַגן קומען נאָר פון אונטן. לאָז מיך אָפּפּאַרן דעם קרבן ביי דיין שוועל איך וועל גיין זוכן מיין פרידן.

קול

צווישן דיר און פרידן ליגט די אייביקע מחלוקה.

אַרטיסט

/ אין שרעק / אַן אייביקע מחלוקה !! ניין, ניין, ניט אייביק כאָטש פאַר דעם יחיד נישט, האָב רחמנות, ערגעץ ווו מוז זיין אַ בריק, וואָס פירט צו זיכערקייט און רו.

קול

די בריק איז נאָך נישט געבויט געוואָרן. דער שטח פון יאָר' הונדערטער ווערט אַלץ גרעסער. אויב דו גלויבסט נישט גיי זוך.

אַרטיסט

איז פאַר מיר גאָר קיין פרידן נישט פאַראַן ?

קול

דאָרט ווו דו ביזט, איז דיין פרידן, מעסט נישט מיט קיין פרעמדער מאָס. זוך די מאָס אין דיר, אין די יאָרהונדערטער אין דיר.

אַרטיסט

/פאַרצווייפלט/ איך פיל נאָר ווי מיין קאָפּ שפּאַלט זיך, ווו ליגט די מאָס ?

קול

זוך, וועסטו געפינען.

אַרטיסט

די אויביקע מחלוקה! / רעדט צום קערפּער פון דער טענצערין
זעסט, איך אַליין מוז איצט טראָגן די גאַנצע משא. דאָס געזעץ
קאָן זיך נישט בויגן, עס קאָן נאָר ברעכן. ווו נעמט מען דעם
כוח עס צו ברעכן? דאָרט איז נישט געווען דיין פּלאַץ. מיט
דיין חכמה האָסטו באַדאַרפט זיין אַ מאַמע. נאָר אַ מאַמע מעג
גנבענען פון אונטער דעם כסא הכבוד. — איך מוז געפינען
מייבלען, ווייל אַ שרעקלעך שיקזאַל הענגט איבער מיר. זעסט —
נאָך אַזוי פיל יאָרהונדערטער האָבן זיך מיינע אבות אין מיר
פאַראייניקט, אַז מען רירט אָן טוט וויי. — איך מוז גע'
פינען מייבלען, ווייל אַ שרעקלעך שיקזאַל הענגט איבער מיר,
אכשר איז שוין פאַרפאַלן.

אַ וווינשטוב

/ אין אַ ניי-ענגלענדער פאַרם-הויז. עס איז אין אַ פרילינג
נאָכמיטאָג דער פּאָטער, אַן אַלטער מאַן, זיצט ביי אַ פענ'
סטער, מייבעל שוין אַ פרוי אין די פערציקער יאָרן. דוד,
בענטלי, צוויי בלאָנדע יינגלעך, עוועלין, אַ שוואַרצהאָריק
און שוואַרץ-אויגיק קליין מיידעלע. שפּעטער פּיעט, דער
אַרבעטער. /

פּאָטער

איך האָב היינט מאָרגן געזען דעם ערשטן ראָבין.

קינדער

/ אינאיינעם, יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט שאַרף / ווו, ~~זיי געגעבן~~?

פּאָטער

דאָרט, אויף דעם יידן-בוים, היינט ניין אַ זייגער צו מאָרגן.
/ פּויזע /

מייבעל

ווו איז דאָס פּיעט אַזוי שפּעט?

פּאָטער

אין קינא, ער זיצט צומאָל אויס דריי פאָרשטעלונגען אין טעאַטער.

מייבעל

אָרימער פּיעט. דאָס איז זיין פענסטער צו דער וועלט.

פּאָטער

אַלץ וואָס ער דאַרף איז אַ פענסטער. ווען ער זאָל פרוון
אַרויסגיין וואָלט אים די וועלט צומערשט. / פּויזע / פּיעט איז אַן
ערד-אַרבעטער, זיי שטאַרבן אויס / פּויזע / מייבעל, עס איז שוין
צייט פאַר די קינדער צו גיין שלאָפן.

מייבעל

פּיעט ברענגט זיי תמיד עפּעס פון שטאָט, זיי וואַרטן אויף אים.

פּאָטער

אָט איז ער אָנגעקומען.

קינדער

/ אינאיינעם / פּיעט, פּיעט! לאָמיר גיין צום פענסטער.

מייבעל

ער שטעלט אוועק דאָס פערד אין שטאַל, אָט קומט ער צריין.

קינדער

פיעט, פיעט, וואָס האָסטו געבראַכט.

פאָטער

איך קען דעם רעש ניעט פאַרטראָגן.

מייבעל

זייט שטיל, דער זיידע קען דעם רעש נישט פאַרטראָגן.

פיעט

/ קומט אריין /

קינדער

וואָס האָסטו געבראַכט?

פיעט

קיילעכער, פולע קעשענעס.

קינדער

קיילעכער, קיילעכער, אַנו לאָז זען.

פיעט

/ מיט ברייטקייט / ראשית, מוז מען זיך אוועקזעצן. בענטלי פון איין זייט, דוד פון דער אַנדערער. / אַלע דריי זעצן זיך ביים טיש / איצט וועלן מיר אויסטיילן. דיר איינס — דיר איינס, דיר איינס — דיר איינס.

בענטלי

אָט דאָס וויל איך.

פיעט

קריגט זיך נישט קינדער, איר זייט דאָך גוטע ברידער. איך אַליין וועל זיי אויסטיילן, ווי זיי קומען. דיר איינס — דיר איינס, דיר איינס —

בענטלי

אויב מיר וועלן שפילן, וועל איך געווינען אַלע.

דוד

איך וועל מיט אים נישט שפילן.

פיעט

עס מאַכט נישט, דוד. איך וועל דיך אויסלערנען, וועסטו ביי אים געווינען. זעסט, אַזוי נעמט מען אַ קיילעכל און מען שיסט, אויב דו קלאַפּסט אָן, געווינסטו.

עוועלין

פיעט! — — — — פיעט, — וואָס האָסטו מיר געבראַכט?

פיעט

דיר? גאָרנישט, איך האָב גאָר פאַרגעסן.

מייבעל

שעם דיך פיעט, ווי קענסטו דאָס דעם קינד אַזוי ווייטאָן?

פיעט

נו, נו, די יינגלעך וועלן איר געבן פון די קיילעכער, נישט אמת?

דוד

איך וועל נישט געבן, איך האָב אַליין —

בענטלי

און איך אויך נישט.

עוועלין

אַ יאָ, איך האָב דיר געגעבן פון מיינע צוקערלעך?

בענטלי

/ קרומט זיך איר נאָך מיט אַ יידישן אַקצענט / אַ יאָ איך האָב דיר געגעבן פון מיינע צוקערלעך? אַי ווייי —

מייבעל

/ דערשראָקן / וואָס איז דאָס?

בענטלי

פאַרוואָס וויל זי מיינע קיילעכער? אַלע מאָל וויל זי עפּעס.

מייבעל

איך מיין דיין נאָכקרומען זיך.

בענטלי

אַלע קינדער קרומען זיך איר נאָך, זיי זאָגן אַז זי איז אַ ייד.

מייבעל

/ שלאָגט בענטלין / נאַ, נאַ, אַזאַ טייערער ברודער ביסטו. פיעט, נעם צו אַלע קיילעכער און איר ביידע גייט אַרויף שלאָפן.

די ייִנגלעך

אַ גוטע נאַכט מוטער; אַ גוטע נאַכט זיידע; אַ גוטע נאַכט, פֿיעטן

מייבעל

גיט אַ קוש אייער שוועסטער און זאָגט „זיי מיר מוחל“.

ייִנגלעך

/ קושן עוועלין / זיי מיר מוחל, איך וועל מער אַזוי נישט זאָגן.
/ זיי גייען אַרויס. פּויזע /

פּאָטער

זעסט מייבעל, אויף אייביק קאָן מען זאַכן נישט פֿאַרשווייגן.
די קינדער ליידן פֿאַר די זינד פֿון די עלטערן.

מייבעל

הער אויף, טאַטע. עס טוט ווי דאָס צו הערן פֿון אײַנע אייגענע קינדער.

עוועלין

/ כליפּעט שטאַרק /

מייבעל

קום אַהער מיין קינד, הער אויף צו וויינען. זאָל עס דיך נישט אַרן. זיי זענען שלעכטע ייִנגלעך, דערפֿאַר האָט די מאַמע ליב איר קליין שעפעלע.

עוועלין

קיינער האָט מיך נישט ליב, אַפֿילו דער זיידעניו האָט מיך תּיינס.

מייבעל

אמת זיידע; דו האָסט ליב דאָס מיידעלע?

פּאָטער

/ שטייט אויף פֿון בענקל / איך בין מיד, איך דענק איך וועל אַרויפֿגיין שלאָפֿן / שלעפּט זיך אַרויף מיט די שטיגן ערגעץ.
מייבעל און עוועלין וויינען איבייגעם /

/ דאָס רוישן פֿון ים הערט זיך ווי פֿון וווייטן דורך דער גאַנצער סצענע. ווייס ליכט. עס הערט זיך פֿון ווייטן דער איינפּאַכער רעציטאַטיוו, פֿון אַ מעלאָדישער טענאָרשטימע /

דער טענאָר

„מיין שטאַרקייט און מיין געזאַנג איז דער האר און ער איז געוואָרן מיין דערלייזונג. ער איז מיין גאָט, וועל איך אים ליבן, ער איז דער גאָט פֿון מיין פֿאָטער, וועל איך אים דער־הויבן. יהוה איז דער האַר פֿון מלחמה, יהוה איז זיין נאָמען“
„דער רייטוואָגן פֿון פּרעה און זיין אַרמיי —“

/ דער ווינט האָט פֿאַרטראָגן דאָס קול, עס הערט זיך שטאַרקער רוישן פֿון ים. — ווידער ברענגט דער ווינט דאָס קול, און ברענגט דאָס ליד /

„ווער איז געגליכן צו דיר, מיין האַר, צווישן די מעכטיקע? ווער איז נאָך געגליכן צו דיר, באַצירט מיט הייליקייט, שרעק־לעך אין לויב. טוענדיק וווּנדער, האָסט אויסגעשטרעקט דיין רעכטע האַנט און די ערד האָט זיי איינגעשלונגען.“

„מיט דיין גנאָד פֿירסטו דאָסדאָזיקע פֿאָלק, וואָס דו האָסט אויס־געלייזט, מיט דיין מאַכט פֿירסטו צו דיין הייליקער וואוינונג. פֿעלקער האָבן דאָס געהערט, זיי ציטערן, ווייטאָג האָט אָנגע־נומען די איינוואוינער פֿון פּלשת.
דענסטמאָל האָבן זיך דערשראָקן די פֿירסטן פֿון אדום. די מעכטיקע פֿון מואב ציטערן, עס זענען שוואַך געוואָרן אַלע איינוואוינער פֿון כנען“.

„אַנגסט און פּאָרכט וועט אויף זיי פֿאַלן, דורך דער גרויסקייט פֿון דיין אָרים וועלן זיי פֿאַרשטומט ווערן ווי אַ שטיין. ביז דיין פֿאָלק, גאָט, וועט אַריבערגיין, דאָסדאָזיקע פֿאָלק, וואָס דו האָסט געקויפֿט“.

„דו וועסט זיי ברענגען און וועסט זיי פֿאַרפֿלאַנצן אויף דעם באַרג פֿון דיין אַרבטייל, וועלכן, גאָט, דו האָסט צוגעגרייט פֿאַר

דיין וואוינונג; דאָס הייליקטום, מיין האַר, וואָס דיינע הענט האָבן באַפּעסטיקט".

„גאָט וועט רעגירן אייביק און אייביק!"

(אייניקע יונגע פרויען קומען אַריין מיט פּייקלעך אין די הענט, זיי הויבן אויף די פּייקלעך איבער זייערע קעפּ און, בלייבנדיק שטיין אין דערמיט פון דער בינע, באַוועגן זיי זייער לינקע פוס איין שריט אויף צוריק און בלייבן שטיין, דערנאָך איין שריט אויף פאָראויס און בלייבן שטיין, אין אַ זייער איינפאַכער און פּרימיטיווער טאַנץ־באַוועגונג. אַ ווינט וואָס בלאָזט אַקעגן זיי האַלט זייער קליידער, האָר, קאָפּטיכלעך אויסגעשפּרייט)

די פּירערין

(טרעט אַרויס, איין געמאָסטענעם שריט) „זינגט צו גאָט, ווייל ער איז הויך דערהויבן, דאָס פערד און זיין רייטער האָט ער צוגעוואָרפן אין ים" — (פאַר אַ צייט טאַנצן זיי און קלאַפּן אין די פּייקלעך, דערנאָך גייען זיי אַרויס)

אַרטיסט

(פאַלט אַריין ווי אַ צעדולטער פון רעכטס) ווי — ווי — ווי —

טענצערין

(אין קאָסטיום פון דער צייט, פון לינקס) דו ביסט אַ וועכטער! איך ווייס. — איך וויל נישט צוריקגיין. איך וויל נישט שטאַרבן אין דרויסן פון לאַגער. זיין האר האָט אויף מיר געשיקט קרעץ. איך שרעק מיך נישט פאַר אים; ניין איך שרעק מיך נישט. (פויזע) איך ווייס אַז ער איז אַוועק אויפן באַרג. פאַרוואָס גייט ער אויפן באַרג? (עס הערט זיך דאָס געשריי פון דעם פאָלק פון דער ווייטנס) אָ, הערסט? דאָס פאָלק שרייט, זיי האַלטן צו אַ יום טוב. ווייסט פאַרוואָס? — ווייל ער האָט פאַרלאָזן דאָס לאַגער. (טאַנצט) ער איז נישטאָ, ער איז אַוועק! איך פריי מיך — איך פריי מיך — איך בין פריי! פריי! — איך האָב אַ טאָכטערל אין לאַגער (וויינט) איך שרעק מיך גיין אין לאַגער. וועסטו דערציילן דעם וועכטער, אַז איך בין אַנטלאָפן?

אַרטיסט

איך? — אָ ניין, נישט איך.

טענצערין

דו ביסט אַ גוטער און גערעכטער מאַן. אים האָב איך פיינט. איך האָס אים מיט מיין גאַנצן האַרצן. איך וואָלט אים די אויגן אויסגעריסן מיט מיינע פינגער.

אַרטיסט

פאַרוואָס, איך בעט דיך?

טענצערין

איך בין קראַנק, מיין קערפּער פוילט. ער האָט אַרויסגעשיקט אַלע קרעציקע פון לאַגער, ביינאַכט בין איך אַליין. דעמאָלט שרעק איך מיך און איך הייב אָן צו שרייען, — איך שריי! —

אַרטיסט

צייט איך קען דיך, נאָר דו שרייסט (באַטראַכט זי) שטאַרבסט — לעבסט? שטאַרבסט. אַלץ אין דיר איז טויט. דאָס פאָלק מוז לעבן. ביסט קראַנק? — קראַנקע פאַרלירן זיך סיי ווי פון לאַגער. דו מוזט שטאַרבן ביחידות. (עס הערט זיך דאָס שרייען פון פאָלק) —

טענצערין

אָ, זע נאָר, זע נאָר, פרעמדער מאַן, ער האָט זיך באַוויזן, ער האָט זיך באַוויזן! אַ גאָט האָט זיך באַוויזן. וואָס פאַר אַ שיינער גאָט! אַי, וואָס פאַר אַ הנעוודיקער! זע, ווי ער גלאַנצט פון ריינעם גאָלד. וואָס פאַר אַ ווונדער! וואָס פאַר אַ ווונדער! ווי דער שלעכטער מאַן האָט נאָר פאַרלאָזן דאָס לאַגער, האָט זיך באַלד באַוויזן אַ גאָט, אַ שייניקער גאָלדענער גאָט. דאָס קעפּעלע איז אַזוי קליין און באַחנט. דאָס קערפּערל איז קיילעכיק און פול מיט גבורה, און קוק נאָר אָן די פיסלעך. אַזוי ווי אויף פיר זיילן שטייט ער. איך בוק זיך פאַר דיר, גרויסער און שיינער גאָט. (טוט עס) דו וועסט אונדז אַרויספירן פון דער וויסטעניש און געבן פרייהייט צו אַלעמען (מיט דעם פּנים אויף דער ערד) איך דין צו דיר, איך דין צו דיר, איך דין צו דיר. — (דער געזאַנג פון פאָלק הערט זיך) זיי טאַנצן. איך טאַנץ אויך פאַר דיר, שייניקער גאָט (טאַנצט) קום, טאַנץ מיט מיר. (וויל אָננעמען אַרטיסטס הענט)

ארטיסט

נישט, נישט. איך האָב מורא פאַר דיין מין. איך בין פון דער טשערעדע, איך קאָן זי נישט פאַראומרייניקן. די אומריינע מוזן בלייבן מחוץ למחנה. דאָס איז די פּראָסטע חכמה פון חכמים.

טענצערין

טאַנץ, טאַנץ! דער נייער גאָט איז גרויס און וווּנדערלעך, ער האָט מער מאַכט פון דעם אַלטן גאָט, וואָס מען קאָן אים נישט זען. / לאַכט / האַ, האַ, האַ! איצט וועט דער שלעכטער מאַן קיינמאָל נישט צוריק קומען. ער וועט מורא האָבן פאַר דעם צאָרן פון דעם נייעם גאָט. / דער געזאַנג פון פאָלק איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן, טענצערין דרייט זיך אויס זען די אורזאַכע, זי גיט אַ קוויטש / אַה — —! ראַטעווע מיך! ראַטעווע מיך! ער איז צוריקגעקומען, איך שרעק מיך פאַר אים, ווי איז מיר! ווי איז מיר! איצט מוז איך צוריק גיין פון וואַנען איך בין געקו־ מען. זעסט אים דאָרט? — נישט מער טאַנצט דאָס פאָלק. / עס ווערט פינסטער / זעסט ווי ער פאַרשטעלט די זון. אַ שוואַרצע נאַכט וועט אויף אונז קומען, ער וועט אונז פאַרטיליקן, ער וועט וואַרפן אונזערע קערפּערס פאַר די חיות אין דער מדבר, איך שרעק מיך. איך שרעק מיך. / וויל זיך באַהאַלטן ביי אַר־ טיסט/

ארטיסט

מיך לאָז אָפּ, נישט מיט מיר.

טענצערין

איך שרעק מיך! איך שרעק מיך! /קאָרטשעט זיך איין אין דער מיט פון דער בינע/ זע, זע, ער הויבט אויף די טאָוולען אַה!— /אַ דונער/ ער האָט זיי צעבראָכן. /פויזע/ איצט מוז איך שוין צוריק גיין /גייט אַוועק מחוץ למחנה/

ארטיסט

האַ, האַ! דאָס מיינט מען דיך, דו קאַלב פון גאָלד. אַט דעם דונער וועסטו קיינמאָל נישט איבערלעבן. דאָס איז מיין נקמה אָן דיר. אָפּט גענוג האָב איך דיך געזען אין מיינע קאַשמאַרן, ווען דו פלעגסט הונגעריק צו לעקן מיין מאַרך, און די ליסקעס

פון דיין צונג האָבן געהאַלטן אין איין קראַצן, קראַצן מיין מוח. איך אַליין ווייס, אַז דו ביסט נישט טויט. איך ווייס אַז דיין קערפּער ווערט פּשוט צעשפּרינגען פון בלוט און מוסקולן, הויפּט־ זעכלעך מוסקולן. שכל האָסטו נאָר גענוג צו באַשטייגן דיינע נקבות. כסדר האַלסטו אין איין עסן. נאָר דו פרעסט, ווייבער, פלייש, שטרוי, פרעסט, פרעכט, פרעסט. אין דער צייט ווען איך האָב געבענקט און געלעכצט, האָסטו געפרעסן און געלאַכט צו־ פרידן. דו גלויבסט טאַקע באמת, אַז דו ביסט אַ גאָט, ווייל עס איז דיר געלונגען זיך פאַרמערן ווי גיפט. אָבער אין דער צייט ווען אלע זיבן ימים וועלן שוין אַרומוואַרפן דעם אש פון דיין פגר, וועל איך נאָך אַלץ זיין! — זיין. אָ, וואָלטן זיי דיך קיינמאָל נישט געווען אויסגעטראַכט, וויפיל רייכער וואָלט די וועלט געווען אָן דיר אַלס אַ מעטאַפאָר. גיב מיר צוריק מיין ריינקייט! איך האָב חרטה, נישט דו האָסט מיין ריינקייט. וואָס פון דיר קומט איז שמוץ. / אַ בלאַסער ליכט רוקט זיך אַריין פון דער רעכטער זייט. נאָך אַ ווײַלע קומט אַריין דער וואַנדערער /

ארטיסט

/דערשראָקן/ ווי אַ טורם שטייט איבער מיר דיין הויכקייט, איך קאָן נאָר אַרויף קוקן און איך דערזע נישט. לאָז מיך, לאָז מיך. איך דאַרף נישט דיך. איך דאַרף טרייסטונג און אַ צעפלעכטונג פון מיין פּראָבלעם.

וואַנדערער

עפן דיינע אויגן. ליכט איז פאַר דיינע אויגן. דו האָסט מורא.

ארטיסט

דיינע ווערטער זענען ווי שטיינער, זיי פאַלן. לאָז מיך, איך וויל פרידן און רו. / עפנט די אויגן / איך קאָן עס נישט פאַרטראָגן אין דיינע אויגן איז פאַראַן שרעקן און דיין קול איז ווי ווייטער דונער, אומרו, אייביקע אומרו.

וואַנדערער

/ לאָזט אַראָפּ זיין האַנט אויף אַרטיסטס קאָפּ /

ארטיסט

אַה — — — — ווי גוט.

וואנדערער

נישט אַלע טעג וועלן זיין פאַרטרוקנט און נאַקעט. איך וועל וואַרפן אויף דער מדבר די זאַמען פון מיין האָר און עס וועלן אַרויסוואַקסן מעכטיקע בוימער מיט קילע שאָטנס. קוואַלן וועלן אַרויסשפּרינגען.

ארטיסט

לאָז מיך רוען ביי דיינע קני. דיין האַנט איז אַזוי גוט. דיינע אויגן זענען ווי צוויי לבנות שיינענדיק דורכן וועלדל. אַ גע־בענטשטער קוואַל — — — — די נאַכטפויגלען פון מיינע ווייטאָקן פליען אַרויס דורך די צעבראָכענע פענסטער, אַ מילדער ווינטל ברענגט דעם ריח פון ערד. איך הער דאָס רוישן פונם וואַלד. קיינמאָל בין איך דאָרט נישט געווען. טראָץ האָט אויסגעצויגן דאָס בלוט פון מיין האַרץ.

וואנדערער

טראָץ מאַכט שטאַרק פאַר אייביקייטן.

ארטיסט

איך בין מיד, אַזוי מיד, גיב מיר פרידן.

וואנדערער

פרידן איז נישט דיין. דיין מאָס איז אַ געליגענע. דיין פרידן איז דאָרט וואו דו ביסט. דיין געזונט איז באַשאַפן צוליב דער גרויסקייט פון דעם וואָס קומט נאָך אַלץ. פרידן איז פאַר דעם גוף, די נשמה דאַרף נישט קיין פרידן. טראָג די לאַסט פון דיין האַר פאַר דער גרויסקייט פון דעם וואָס קומט נאָך אַלץ. דאָס איז זיין ווילן. / דער וואַנדערער פאַרשווינדט ווי אַ מיראַזש /

ארטיסט

/ אַליין / וואָס איז די גרויסקייט פון דעם וואָס קומט נאָך אַלץ? וואָס קומט נאָך אַלץ? ווו ביסטו, וואַנדערער אין דער מדבר פון דעם האַר? לאָז מיך דאָ נישט אַליין אין מיטן פון שטורם. מיין נשמה איז צעריסן אויף שמאַטעס. וואָס קומט נאָך אַלץ? ווו וועל איך עס געפינען? ליגט עס אפשר אין די וועגלאָזע שפּורן פון מיין מעטעאָרישן לעבן, וואָס ווערט צוגעצויגן, צעפּ־געשטויסן, צעשמעטערט, און שליקלעך פון מיר פליענדיק אין

דער לײדיקייט? ליגט עס אפשר אין מיינע בלוטיקע שפּורן איבער דער צייט וואָס איז פאַרגאַנגען? ווו ליגט מיין מאָרגן, אפשר אין דעם שויס פונם היינט? איך האָב מיין וועג פאַר־לוירן. איך האָב מיין וועג פאַרלוירן. מיינע אויגן זענען בלינד געוואָרן אין שטורם, דער ווינט האָט פאַרבלאָזן מיין פאַרגאַנ־גענהייט, אַלע בריקן זענען צעבראָכן. איך בין אַ טויטער מאָ־מענט פון ליידן, אַריינגעקוועטשט צווישן פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. לאָז מיך נישט איבער אין מיטן שטורם, פיר מיך! פיר מיך! ווו ליגט מיין ציל?

אַ שטימע

/ הערט זיך דורך דעם שטורם / „און דו זאָלסט זיין צו מיר אַ קעניגרייך פון כהנים, אַ הייליק פאָלק“

ארטיסט

ווו איז מיין קעניגרייך? — ווו איז מיין קעניגרייך? — — — — — — — — — — — — / זיין שטימע שטאַרבט אין דעם שטורעם /

/ צוויי מענער שטייען אויפן וועג. איינער פירט אַן עזעלין און דער אַנדערער איר לאַשעקעל. צוויי בלינדע בעטלערס זיצן ביים וועג /

צווייטער מאַן

האָ! — האָ! אייל זיך דו פוילע בהמה, אַ גרויסער כבוד וועט דיר ווערן צוגעטאָן.

ערשטער בלינדער

הי, הי, וואָס פאַר אַ כבוד קאָן מען דאָס אָנטאָן אַן עזל!

ערשטער מאַן

דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט, בלינדער. ביי בית פגה וואַרט מיין האַר אַריינצוגיין קיין ירושלים, רייטנדיק אויף דעם עזל.

צווייטער בלינדער

קאָן נישט דיין האַר אַריינגיין צופיס אין שטאָט!

ערשטער מאַן

דו ביסט נישט נאָר בלינד אויף די אויגן, נאָר דיין גייסט איז אויך פאַרטונקלט. ווייסט דען נישט וואָס נביאים האָבן געזאָגט: אַז דער באַפרייער וועט קומען רייטנדיק אויף אַן עזל.

צווייטער בלינדער

איז אפשר דיין האַר דער נייער נביא פון גליל?

ערשטער מאַן

זייט ער איז געקומען איז קיין אַנדערער האַר אין ישראל נישט פאַראַן.

ערשטער בלינדער

גאָט זאָל דיך בענטשן פאַר דער בשורה. וואונדערבאַרע מעשים האָט דיין האַר אויפגעטאָן, מיר האָבן געהערט. ער האָט קראַנקע געהיילט, געשפייזט די אָרימע דורך נסים. ווען ער זאָל נאָך קענען בלינדע זעעדיק מאכן.

ערשטער מאַן

מען מוז גלויבן אין אים.

צווייטער בלינדער

אַ סך פאַלשע נביאים זענען שוין געקומען צו ישראל פאַר אים, עס קען זיין אַז ער איז אַ מאַגיקער פון מצרים.

ערשטער מאַן

דו מוזט אין אים גלויבן, אויב דיין האַרץ איז האַרט, וועסטו אייביק בלייבן בלינד. דו ווייסט נישט פון דער דערהויבנקייט פון מיין האַר. ער איז די גרויסקייט פון גאָט אויף דער ערד. ער איז באמת אַ גרויסער נביא. דער נביא פון די אָרימע און די דערנידריקטע.

ערשטער בלינדער

דו האָסט געבראַכט אַ טרייסט פאַר אַן אָרימען בלינדן ברודער. עס איז שווער דער גורל פון אַ בלינדן בעטלער אין שלעכטע, פאַרדאָרבענע צייטן. איך וואָלט שוין ליבער וועלן זען מיט מיינע אויגן.

ערשטער מאַן

אמת, אינם האַרצן פון פאָלק איז נישט פאַראַן קיין יושר און ליבע פאַר אַ ברודער. ווי אַ מדבר איז געוואָרן דאָס לאַנד פון ישראל און קיין נביאים זענען נישט געקומען.

ערשטער בלינדער

שוין לאַנג זייט עס איז געווען אַן אמתער נביא אין ישראל.

צווייטער מאַן

ברודער, מיר טאָרן זיך נישט זוימען אַזוי לאַנג. הא, הא, גיי שוין די פוילע בהמה! / זיי גייען אַוועק /

ערשטער בלינדער

קום, לאָמיר גיין מיט זיי צום נייעם נביא.

צווייטער בלינדער

דו גלויבסט צו לייכט.

ערשטער בלינדער

האָסט נישט געהערט, וואָס די תלמידים האָבן געזאָגט? אויב דו ווילסט געהיילט ווערן, מוזטו גלויבן.

צווייטער בלינדער

און וואָס וועט זיין, אַז די האָפנונג וועט זיין אַ פאַלשע? עס

איז נאָך נישט די צייט. וואָלט דער באַפרייער געקומען, ווער וואָלט אים געקענט פאַרלייקענען! — לאָז מיך לעבן אין מיין אַלטער וועלט. אפשר איז ער אַ נביא פאַר די אָרימע, זיכער נישט דער נביא פאַר דעם בלינדן בעטלער.

ערשטער בלינדער

דיין נשמה איז פאַרפעסטעט פון טויטער גלייכגילטיקייט. דו און נאָך אַזוינע ווי דו האָבן דערלאָזט, אַז די בלומען אין דעם גאָרטן פון ישראל זאָלן פאַרוואַקסן ווערן פון פרעמדע קרייטעכצער.

צווייטער בלינדער

שוייג, איך הער עמיצן גיין.

טענצערין /קומט אַריין/

צווייטער בלינדער

האָב רחמנות אויף א בלינדן ברודער, גיב אַ נדבה אַ בלינדן ברודער.

טענצערין

לאָז מיך רוען לעבן דיר, טייערער ברודער, איך וועל טיילן מיט דיר מיין ברויט, מיין געלט און מיינע צירונג האָב איך פון זיך געוואָרפן אויף דעם באַפעל פון מיין האַר.

ערשטער בלינדער

ווער איז דיין האַר?

טענצערין

ער איז עס, דער איינציקער.

צווייטער בלינדער

אפשר דער גלילער איז עס, וואָס היילט קראַנקע?

טענצערין

יאָ, ער היילט אַלעמען, ווען די לאַסט איז שווער, דאָרט ביים וועג רוט ער, איידער ער לאָזט זיך גיין אין שטאָט.

ערשטער בלינדער

איז עס אמת, אַז ער קען מאַכן בלינדע זען?

טענצערין

ער גייט ארום צווישן טויזענטער, זיי קושן זיינע קליידער און זיי ווערן געהיילט, טויטע שטייען אויף און טראָגן אַוועק זייערע בעטן.

ערשטער בלינדער

איצט וועסטו שוין גלויבן?

צווייטע בלינדער

קומסטו אויך פון גליל?

טענצערין

דאָרט אין דער זינדיקער שטאָט, וואָס ליגט אין טאָל איז מיין הויז געווען. איך האָב עס פאַרלאָזן און בין נאָכגעגאַנגען אים.

ערשטער בלינדער

יריחו מיינסטו?

צווייטער בלינדער

וואָס איז דיין נאָמען?

טענצערין

רחב הייס איך.

צווייטער בלינדער

רחב! — רחב? אפשר רחב, די — די — זונה?

טענצערין

/ אין כעס / יאָ, רחב; רחב, ווען זיי האָבן אָנגערופן די זונה. און אַז איך בין אַ זונה? איך בין, איך בין, איך האָב אויפגעשניטן מיין לייב און די מענער פון יריחו האָבן געטראָגן אויף מיין אינעווייניקסט. אָבער ער האָט דאָך צו מיר גערעדט, ער, דער איינציקער, — מיט זיינע טיפע מילדע אויגן האָט ער אַריינגעקוקט אין מיינע און האָט דערזען מיין נשמה. איך בין נישט קיין חציפה, כאָטש איר די רעכטפערטיקע און גערעכטע האָבן מיך פאַרטריבן. מיין האַר האָט מיך אָנגעקוקט און מיך גערייניקט. מיר האָט ער געגעבן אַ נשמה, נישט אייך. איך קאָן אייך, איך האָב געזען אייערע פאַרגלייזטע אויגן, ווען די תאווה פון פלייש האָט אייך אַרומגעטנומען. איך האָב פאַר אייך מורא געהאַט, ווייל איך בין געווען נידריק. איך האָב נאָר געקענט לאַכן, לאַכן און וויינען ביז בלוט איז גערונען פון מיינע אויגן. ווייל איך בין געווען די חציפה, די זונה. דערנאָך

איז ער געקומען און האָט פאַר מיר געבראַכט דערלייזונג, איך גלויב אין אים! איך גלויב אין אים! איך גלויב, אַז ער איז דער קיניג פון ישראל, און אַ נייע ליכט וועט אויפגיין אין זיין קיניגרייך. דאָס ליכט פון זיין ליכט וועט אַריינלייכטן אין די הערצער פון די, וואָס טראָגן אַ שווערן יאָך, אַ ניי גליק וועט קומען צו זיי. די שוואַכע און נידריקע וועלן רעגירן אויף דער ערד, די שלעכטע וועלן געטראָפן ווערן פון זיין צאָרן. — איך גלויב! — גייט, גייט, מיינע בלינדע ברידער, ער וועט אייך געבן ליכט פון זיין ליכט, — ער וועט — — — — — — — — —
וואָלט איך געקאָנט שטאַרבן פאַר אים! איך וואָלט זיך וואַרפן אויפן וועג, אַז זיין רייט-עזל זאָל צעטרעטן מיין לייב. — — יאָ — — — — — — — יאָ — — — — — — — — בלומען וועל איך זאַמלען און וועל זיי שפּרייטן אויף דעם וועג /זי בויגט זיך אַן רייסן בלומען, פאַלט אנידער אויסגעמוטשעט/ בלומען — — — — — — — — בלומען — — — — — איך בין נישט קיין זונה — — — נשמה — — — נשמה —

ערשטער בלינדער

/הויבט זיך אויף / אַ ווינטל בלאָזט אַרויף פון ים, עס ברענגט צוטראָגן אַ זיסן ריח און אַ פרעמדע ליד, — אַ ווינטל בלאָזט אַראָפּ פון די בערג, עס רייניקט די לופט און טראָגט אַ נייע בשורה. — איך גיי צו אים.

צווייטער בלינדער

אויב אַזוי מוזן זיך אונזערע וועגן צעטיילן. מיין וועג פירט אַלע' מאָל אין יענער שטאָט; זעסט זי?-מיין ירושלים. /זיי צעגייען זיך אין פאַרשיידענע זייטן/

אַרטיסט

,פאַלט אַריין, האַלב צעטומלט/ ווו איז מיין קיניגרייך? —

טענצערין

נאָר זיין קעניגרייך — — — קומען, עס וועט קומען. — גיי, גיי אַוועק פון דאַנען. דו ביסט אַ פרעמדער.

אַרטיסט

איך מוז געפינען דאָס קיניגרייך און מייבעל — — — מייבעל

איז. יאָ, זי איז — — — איך בין מיד, מיינע פיס זענען פאַר בלוטיקט, כאָטש מען זעט נישט.

טענצערין

דער האַר וועט באַלד קומען. ער היילט. דער „הושיע נא" פון די תלמידים דראַפּעט זיך אַרויף דעם באַרג.

אַרטיסט

מיין קעניגרייך, דערנאָך מייבעל. אפשר מייבעל. מיין האַרץ איז קראַנק. מייבעל זאָגט אַז דעם גאַנצן פרידן פון דער וועלט האַלט זי אין איר האַנט, דאָס איז אַן אַנאַמאַליע. איך קאָן עס נישט גלייבן, איך בין צופיל יידיש.

טענצערין

נאָר דער האַר ברענגט פרידן.

אַרטיסט

/מיט פּלוצימדיקן כעס/ ווי קאָן דען אמת אַריבערגיין דיינע ליפּן, אַז אויף זיי וואַלגערט זיך נאָך די פאַרב פון נעכטן און עס ווייזט זיך שוין די נייע פאַרב פון מאָרגן. איך קאָן דיך גוט, אַלעמאָל לעבסטו ביים ברעג פון זאַכן און ווען דער ווינט בלאָזט, קלאַפּן דיינע ציינער. אַ שטורם פאַרוויסט די ברעגעס.

טענצערין

דער הושיע נא קייקלט זיך דעם באַרג אַרויף, ווי דאָס אויפגיין פון טאָג, איך וועל קלויבן בלומען אין דיר אויסשפּרייטן אויף דעם וועג, איך וועל אויסשפּרייטן מיין שלייער אַז דאָס רייט-עזל פון מיין האַר זאָל זיך די פיס נישט ווייטאָן. איך קאָן זען, אַז דו ביסט אַ פרעמדער. /אַ הושיע נא פון דריי אויפשטייגענ-דע טענער, געזונגען פון אַ מאַסע, הערט זיך פון ווייטן/

אַרטיסט

איך בין נישט קיין פרעמדער. ציטערט נישט מיין האַרץ צום געזאַנג פון ליבע? אין מיינע נאַכטיקע שרעק חלמות גייט מיין האַרץ איבער, מיינע אָרעמס הויבן אָן צו וואַקסן, וואַקסן ביז איך נעם די וועלט אַרום, און דערנאָך, איך ווייס נישט ווי אַזוי, דרייט די וועלט זיך איבער און איך קום אויס אונטער איר

און עס איז מיר אַזוי שווער, שווער, ווי אַ שד וואָלט מיר זיצן
אויף דער ברוסט.

טענצערין

דער הושיע נא קייקלט זיך אַרויף דעם באַרג. הערסט זיינע
בוואַליעס? — ער וועט די וועלט פאַרפלייצן. /דער הושיע נא
וואַקסט ביז צו אַ געוואַלדיקער גרויסקייט, דאָס געשריי פון
פילע ליידנדע מענטשן מישט זיך אויס אין אים/

אַרטיסט

איך האָב מורא פאַר אים. ער וואַקסט, ווי אַ מבול. וואָס וועט
ער טון?

טענצערין

ער וועט פאַרטרינקען די וועלט.

אַרטיסט

לאָז מיך באַהאַלטן! אַ שטורם קומט. אַ שטורם קומט!

טענצערין

ריר מיך נישט אָן, דו ביסט אַ פרעמדער. גיי פרעמדער!

אַרטיסט

/ אַנטלויפט צו דער פראָנט פון דער בינע, קניט און באַהאַלט
זיין קאָפּ צווישן די קניען. אַ גרויסע מאַסע מענטשן גייען
אַריבער דער בינע, וואַרפנדיק זייערע קליידער אויף דער ערד.
מיט אַ ווילדן ענטוזיאַזם שטופּן זיי זיך צו דער מיט פון דער
גרופּע, ביז זיי גייען אַריבער. דער הושיע נא פאַרקלינגט אַלץ
ווייטער און ווייטער. טענצערין איז פאַרשוואונדן מיט דער
מאַסע. אַרטיסט בלייבט אין דער זעלבער פּאָזיציע, אַזוי ווי
אַ שטורם וואָלט איבער אים אַריבער געגאַנגען. פּאַוואָליע הויבט
ער אויף דעם אויבערקערפּער. באַשיצנדיק דעם קאָפּ מיט דעם
רעכטן אָרעם. ער בלייבט שטיין אויף די קני זיינע אויגן אַלץ
פאַרמאַכט/

אַרטיסט

דער שטורם, — איז ער פאַרביי — — — — — — — — — —
אַה — — /ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי אַ שווערע מאַסע וואָלט
אים געטראָפן. דער הושיע נא הערט זיך ביז סוף סצענע אַלץ
שוואַכער און שוואַכער/ נעם אַראָפּ דיין האַנט, זי איז צו שווער,
דאָס בלוט פון איר רינט מיר אין די אויגן / שטילקייט. —

אַרטיסט הערט זיך איין, ווי עמיץ וואָלט צו אים רעדן / — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אָבער אין דעם נאָמען פון מיין ברודער רייסן זיי מיין נשמה
אין שטיקער, מיין גוף אבער נאָך אבער — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
/ שטילקייט / דיין נאָמען עאַלט פון זייערע ליפּן כסדר, כסדר,
אין זייערע הערצער פאַרלייקענען דיך. / שטילקייט / — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
דיינע שליחים האָבן געבראַכט דיין שליחות צו זיי — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
/שטילקייט/ אמת, דו האָסט זיי נישט געהייסן גיין, אָבער זיי
זענען יאָ געגאַנגען. פאַרוואָס זענען זיי געגאַנגען? פאַר וואָס?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
/ שטילקייט / די אויסגעקליבענע קינדער פון דיין פאָטער?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אונזער פאָטער. — — — — — — — — — — —
/ שטילקייט / — — — — — — — — — — — — — —
זייערע נשמות זענען צופיל מיט גוף. זיי פאַרהערלעכן אין דער־
הויבן נאָר די ליידן פון דיין גוף, זיי האָבן פון דיר געמאַכט
דעם בעל מחילה פאַר זייערע קליינע זינד, פאַר די גרויסע
— — — — — — — — — — — — — — — — —
בעטן זיי דיין ברכה. — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
/ שטילקייט / איך בין געגאַנגען דורך אונזערע ליידן און מיינע
— — — — — — — — — — — — — — — — —
פיס זענען פאַרבלוטיקט — — — — — — — — — —
/ שטילקייט / — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
ווען? ווען? — — — — — — — — — — — — —
מוזען מיר לעבן אין אונזער בלוט ביז דענסטמאָל? — — —

„און איר זאָלט זיין צו מיר אַ קעניגרייך פון
כהנים און אַ הייליק פאָלק. דאָס זענען די ווער־
טער וואָס דו דאַרפסט ריידן צו די קינדער פון
ישראל״ / פינסטערניש /

/ אין דער פינסטערניש דערהערט זיך דאָס האַרץ-רייסנדע געשריי פון טענצערין /

טענצערין

, אַלץ פינסטער / אה! — הרגע מיך נישט! לאָז מיך לעבן! לאָז מיך לעבן!

אַרטיסט

דו ווייסט, וואָס פנחס האָט געטאָן? ער האָט ביידע געהרגעט, ביידע! — / עס הערט זיך אַ שאָס. — עס הויבט אָן צו ווערן ליכטיקער אויף דער בינע, אַז מען קאָן דערזען אַרטיסט מיט דעם רעוואָלווער אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט אין סטודיא. דער מאַן און טענצערין ליגן טויט אויף דער ערד /

אַרטיסט

/ לייגט אַוועק דעם רעוואָלווער אויפן טיש און נעמט זיין הוט / איר צוויי מתים בלייבט דאָ. עס פירט זיך נישט, אַז מתים זאָלן אַרומגיין, סיידן — סיידן — נו מילא. איך מוז גיין. איך מוז געפונען. איר מיינט אפשר, אַז עס איז נישטאָ וואָס? איך זאָג, אַז עס איז פאַראַן; ערגעץ ווו קריכט עס אַרום פלויטן, אַזוי נידעריק ווי גראָז און שוואָמען. שוואָמען, נאַסע ערטער, כסדר אַזוי. אָבער רויק, שטיל און אָן פראַגעס. קענט איר אָם די רויקייט? זי איז נישט פאַר מיר. פאַר מיר מוז זיין געהויבן, קלאָר און גע-הוי-בן. דער מין וואַקסט נאָר אויף באַרג-שפיצן. עדל ווייס — די לופט איז אַזוי קלאָר ווי — שכל — נישט שכל —. אַזוי קלאָר, קלאָר — און פלוצים פאַלט עס פאַלט צו ביז צום אונטן, דעם סאַמע דנאָ פון זאַכן. הויכקייטן, טיפקייטן, שיינקייט, באַשאַפונג קומט פון זיי. עס ווערט געבוירן. אַלץ ווערט געבוירן, מיר ווערן כסדר געבוירן. אָבער מיר פאַלן קיינמאָל נישט אַראָפּ, מיר גייען אַרונטער מיט אָפענע אויגן און אַ קלאָרן מאַרך — — — איך מוז גיין. ליובקעס זיך נישט, ווען איך בין נישטאָ. פאַרגעסט נישט, אַז צווישן אייך ליגט די אייביקע מחלוקה. שפאַנט נישט איבער איר, איר קענט איר נאָך חלילה ווי טאָן. / גייט אַרויס /

פאָרהאַנג

/ עטלעכע רונדע טישן זענען צעשטעלט איבער דער בינע, אויבן איז פאַראַן אַ פּלאַטפאָ־מע, אַ טיש מיט צוויי בענקלעך. דער פּאָרזיצנדער, דער פאָרטרעגער, מייבעל, דער שיכורער יונגערמאַן, געסט פון קאַפע; אַרטיסט, וואַקסענע ליכט אויף די טישן באַלייכטן די בינע. פון פאָרנט רעכטס, אַ חוץ דער אויבערשטער דעקאָראַציע, איז פאַראַן אַ טיר מיט אַן אויפשריפט: די טעמע היינט — „דאַרפן מיר אויפהאַלטן אונזערע אידעאַלן?“ דאָס איז דער איינציקער שטאַרק באַלויכטענער פונקט אויף דער בינע/

פאָרטרעגער

,..גצווייניטלעך האָבן מיר אַ טבע אויסצומיידן פראָבלעמען אויף ווי ווייט מעגלעך. אָבער לסוף איז דאָך געקומען אַ צייט, ווען מיר מוזן מאַכן אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון אונזער פּאָליטיק אין דעם ליכט פון אונזערע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן. מיט דעם אויפוואַכן פון אונזער קולטורעלן זעלבסט-באַוווסטזיין מוז דער לאָקאַלער קליינלעכער אָפּאָרטוניזם מאַכן פּלאַץ פאַר קאָנסטרוקטיווער און אפילו קאָנסערוואַטיווער נאַציאָנאַלער גרויספּאָליטיק; קאָנסערוואַטיוו אין דעם פּראָגרעסיוון זין פון אויפהאַלטן אַלץ וואָס האָט אַ ווערט און וואָס איז אונזער.

אַרטיסט

/ קומט אַריין/ איך בין געקומען הערן וועגן אידעאַלן, מען מוז זיי אויפהאַלטן. איך ווייס, איך האַנדל מיט דעם.

מייבעל

גצליבטער —

אַרטיסט

לאָז מיך, פון דיין טובה וועגן. דו קענסט נאָך פאַרכאַפּט ווערן, איך קום איצט פון קודשי קדשים, ווו נאָר דער כהן גדול. דער בית המקדש איז חרוב אָבער דער כהן גדול, אָ, דער כהן גדול —

עולם

/ לאַכט /

אַ שיכּורער יונגערמאַן

וואַרפט אים אַרויס, איך קאָן אים נישט.

פאָרזיצנדער

זייט אַזוי גוט און זעצט זיך.

מייבעל

קום, עס איז דיר שלעכט, איך וועל דיך אָפּהיטן.

אַרטיסט

יאָ, יאָ, איך וועל מיך זעצן, וואָס דען קאָן אַ מענטש טאָן.

שיכּור

מייבעל, ווער איז דער ,יאָט? אַ בוטלעגער אָדער אַ פּראָ־
צענטניק?

פאָרזיצנדער

/ קלינגט אין גלאָק / זעצט פאַר אייער רעדע.

פאָרטרעגער

ביי דער איצטיקער צייט איז עס אונזער פליכט צו וויסן, וואָס פאַר אַן עלעמענט עס קומט דאָס מיט דער אימיגראַציע, וואָס וויל אויף אונז אַרויפצווינגען נייע אידעעס. מיר וואָלטן גאָרנישט געהאַט קעגן דער נייער אימיגראַציע, ווען, ווען די נייע אימי־ גראַנטן וואָלטן נאָר וועלן פאַרבלייבן פאַר אַ צייט אין די נידריקערע שיכטן פון אונזער געזעלשאַפט, כּדי אין זיך איינצו־ זאַפּן און פאַרדייען אָט די אידעאַלן, וועלכע מיר האַלטן און היטן פאַר דורות. לײדער אָבער איז אין לעצטן צענדליגג יאָרן פאַר דער מלחמה, געקומען צו אונז אַן עלעמענט, וועלכער פאַרוואָרפט אַלץ, וואָס מיר האָבן געשאַפן אַ חוץ אונזער שפּראַך. און דאָס נאָר צוליב דעם, אַז זיי זאָלן קענען פּרעדיקן זייערע אייגענע אידעעס.

אַרטיסט

נאָך וואָס דאַרף מען שעלטן אידעעס? דערפאַר ווייל אונזער קאָפּ ווערט כּמעט צעשפּרונגען פון זיין יאָרהונדערט נאָך, יאָר־ הונדערט האָבן מיר אַלץ אָנגעזאַמלט, איצט מוזן מיר געבן האַלבן אין איין געבן.

שיכּור

ווער פרעגט דיך, זיץ.

אַרטיסט

איך האָב אויך וואָס צו זאָגן, וואָס איך האָב צו זאָגן איז אַמ־ וויכטיקסטן, איר זעט? / קנייפּט זיך אין נאַקעטן פאַראַרעם/ איך ווער וויוויסעקטירט, איך בין דער וואָס איז געקומען, איך קלאַפּ דאָס אין טיר, איך שטורם דאס די פעסטונגען, לאָזט דאָס פּראָבלעם רעדן פאַר זיך אַליין.

שיכּור

זיץ, צום טייוול, מיר ווילן נישט וויסן ווער דו ביסט. מיר —

פילע

אָרדער! שטילער! אָרדער!

מייבעל

קום צו מיר. איך בענק נאָך דיר, אַ גאַנצן טאָג האָב איך דיך געזוכט.

אַרטיסט

וועסט מיך קיינמאָל נישט געפינען, איך בין שוין אַוועק ווייט אַריבער דיר.

עולם

אָרדער, רויק!

פאָרזיצנדער

זייט אַזוי גוט און זעצט זיך. מיר וועלן אַלעמען אויסהערן, לאָזט פריער דעם פאָרטרעגער פאַרענדיקן, וואָס ער האָט צוזאָגן. איר וועט אפשר אים קאָנען בעסער אָנגרייפן.

שיכּור

איך וועל אים באַלד ווייזן; דעם שמוציקן יידן, ער האָט דאָ גאָר קיין דעה נישט, דאָ זענען מיר די באַלעבאַטים.

פאָרזיצנדער

מיינע הערן און דאַמען, און ספּעציעל, דער הער וואָס שטייט דאָרט ביי דער וואַנט. עס טוט מיר זייער און זייער לייד, וואָס אונזער אומפּאַרטייאישע דיסקוסיע וועגן אַ וויכטיקן פּראָבלעם פון אונזער אַלעמענס פאָטערלאַנד איז געשטערט געוואָרן פון

אַזאַ שלעכטער און אומאנגענעמער באַמערקונג. איך וויל באַטאָנען אַז די באַמערקונג איז נישט אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון אונזערע דיסקוסיעס. די וואָס אָרגאַנזשירן די דיסקוסיעס זענען אַ גרופע אַמעריקאַנער אָן שום פאָראורטיילן קעגן ווער מען נישט איז. דער פּאָרטרעגער וועט ווייטער רעדן. ביטע.

פּאָרטרעגער

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט — איך וויל צוגעבן, אַז מיר האָבן טאַקע די אַלע פעלערן, וועלכע אונזערע פרעמדע קריטיקער שרייבן אונז צו. איך וויל נאָר ענטפערן, אַז מיר ווילן זיך דוקא האַלטן מיט דידאָזיקע פעלערן, דערפאַר ווייל זיי זענען אַ טייל פון אונזער נאַציאָנאַלן איך. זיי זענען אַ טייל פון אונזערע אידעאַלן. אָט די פעלערן זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן די איבערהערשאַפט פון אונזער ראַסע אויף אונזער קאָנטינענט. נישט נאָר דאָס, אָט די פעלערן האָבן געמאַכט אונזער ראַסע פאַר די באַהערשער פון דעם גרעסטן טייל פון אונזער פלאַנעט. אפלויס אָט דאָס איז די פראַגע, וואָס שטייט פאַר אונז! זאָלן מיר אונזערע אידעאַלן איינשטעלן אין דער געפאַר פון פאַרטרונקען ווערן פון דער מאַכט, וואָס שטורמט אונזער לאַנד פון יענער זייט ים?

שיכּור

ניין און נאָכאַמאָל ניין! מיר וועלן זיי אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

פּארטרעגער

מיך אינטערעסירט להלוטין נישט די עקאָנאָמישע איבערהערשאַפט פון די רייכע, וואָס מיך אינטערעסירט איז אונזער נאַציאָנאַל-קולטורעלע אייגנארט פאַר דעמדאָזיקן פּראָבלעם מוזן מיר געפונען אַ לעזונג. פון אַזאַ שטאַנדפונקט מוזן מיר באַטראַכטן די גאַנצע אימיגראַציאָנס-פראַגע. אָפלעגן, געפונען דערווייליקע ענטפערס וועלן דעם פּראָבלעם נאָך שאַרפער מאַכן. מיר מוזן אָנגרייפן דעם פּראָבלעם מיט מוט און אין דעם גייסט פון אמתע אַמעריקאַנער. איך דאַנק אייך. / אפלויס /

פּאָרזיצנדער

איידער איך עפן די דיסקוסיע איבער דער פראַגע, וואָלט איך וועלן וואָרענען די יעניקע, וואָס ווילן זיך אין איר באַטייליקן, אַז זיי מוזן זיך האַלטן שטרענג צו דער טעמע, ווי זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון דעם פּאָרטרעגער. מיר ווילן זייער פאַרמיידן אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן.

שיכּור

מיר ווילן נישט קיין דיסקוסיע, אַלע זענען איינשטימיק, לאָמיר גיין אַהיים.

פּאָרזיצענדער

אויב איר ווילט מעגט איר אַודאי גיין.

שיכּור

אַליין גאָר, און אַלע זאָלן דאָ בלייבן, נישט ביי מיר. / עולם לאַכט /

איינער פון עולם

הער פּאָרזיצענדער, ערלויבט מיר. איידער מיר גייען ווייטער אין דער דיסקוסיע, וואָלט איך וועלן קלערן די לופט פון די אַלע מיספאַרשטענדענישן און פון דער שעדלעכער העפלעכקייט, וועלכע אונזערע קריטיקער רופן אָן היפּאָקריטסטווע. מיר אַלע דאָ ווייסן, וועלכער עלעמענט פון דער אימיגראַציע איז דער אמת שעדלעכער, לאָמיר געבן דעם קינד דעם ריכטיקן נאָמען.

מייבעל

איך פּראָטעסטיר! מען ווייסט וואָס ער דענקט און וועמען ער פּאַרטרעט.

שיכּור

ער סאַרטרעט מיך. העי, חבר, נישט אַזוי? איך ווייס וועמען דו מיינסט.

פּאָרזיצענדער

פריינדע, מוז איך אייך דערמאָנען אָן אייער פליכט אַלס רזשענטלמען און אַמעריקאַנער.

ש י כּ ו ר

נישקשה, מיר זענען גאַנץ פיינע מענטשן כאָטש מיר האָבן פיינט יידן.

פ אָ ר ט ר ע ג ע ר

עס איז פּאַדדראָסיק, וואָס דער גאַנצער עסק איז אַוועק אויף אַ וועג פון דערמאָנען איינצעלנע גרופן אָדער ראַסן. דאָך, אויב עס איז שוין יאָ דערמאָנט געוואָרן, וואָלט עס געווען אַ ליגן און אַ פייגהייט עס צו פאַרלייקענען. מיר זענען נישט קיין אַנטי-סעמיטן, אָבער מיר מוזן צוגעבן אַז יידן זענען אַנדערש פון אונז און אַפילו פון אַלע אימיגראַנטן, וואָס קומען דאָ אין לאַנד. זיי לעבן אַפילו צווישן אונז אָבער אָפּגעשלאָסן פאַר זיך אַליין, בלייבנדיק אַלעמאָל ביי זייערע אייגענע טראַדיציעס און מנהגים, אונטער אַלע אומשטענדן פאַרבלייבן זיי יידן, מיט זייערע אייגענע ראַסן-כאַראַקטעריסטיקעס און אייגנטימלעכקייטן.

ש י כּ ו ר

וועלכער טייוול וויל דען אַז זיי זאָלן זיך מיט אונז אויסמישן. שיקט זיי צוריק קיין רוסלאַנד.

אַ ר ט י ס ט

/שפּרינגט אייף/ איך בין אייך גרויס אין די אויגן. איך ווייס פאַרוואָס. ווייסט איר? — ווייל איך בין אייער פראַגעצייכן, דער גרויסער פראַגעצייכן אויף יענער זייט תהום. יאָ, אַ תהום ליגט צווישן אונז. אַבסאָלוטע פאַרגאַנגענהייט און ווייטע צו־קונפט. איר קאָנט פון אייער זייט בויען אַ בריק? נישט איר, דער תהום איז צו גרויס. דער חילוק איז צווישן גייסט און חומר — איך און איר. יאָרטויזנטע ליגן צווישן אונז ווייסט איר דעם חילוק? אין סאַמע אָנהויב ליגט ער. מען קען צוריק נישט גיין און איבערבויען דעם אָנהויב, איך שטיי אין דעם שאָטן פון גאָט, פון מיינע קינדעריאָרן, הער איך דאָס רוישן פון די כּרובים, וואָס שוועבן ארום אים. איר פילט ווי עס גייט אייך אַ ריר איבערן לייב? ווו איך שטיי פאַלט דער שאָטן פון גאָט! — איר ווייסט וואָס יידענטום איז! אַלע פריידן און אַלע ווייטאָקן פון דער וועלט, אַרויס פון מיינע ווייטאָקן און פרידן

צליט אַ וווּנדערלעכע בלום — איך וויל געבן. געבן — עס גייט אויס דאָס חיות, איך קום און גיב, גיי און גיב, כּסדר גיב פון דיין אוצר, הייסט ער, ווען מען נאָמען ברענט מיט אַן אויביקן פייער אין מיין הארץ, ער ווען מען נאָמען עס איז פאַרשריבן מיט מיין בלוט איבער די שליאַכן פון דער צייט. איר טוט מיר וויי אָן, איר קאָנט מיך אַפילו נישט. ייד, ייד; איר קאָנט נאָר דעם פאַרקריפּעלטן קלאַנג פון אַ וואָרט. איך בין נישט דער אמתער ייד, איך בין דער שלעכטער, צעבראָכענער און פאַר-קריפּעלטער ייד, כאָטש איך האָב געמיינט אַז איך בין אַ כּהן און איך האָב געוואָגט צו ברענגען קרבנות. פרעמד בלוט גיסט זיך פון מיינע פינגער, אויסגעמישט מיט דעם אייגענעם. דאָרט פון דעם מזבח גייט דער רויך גלייך און קלאָר אַרויף צום הימל. איך בין נישט מער ווי דער זון פון מיינע אבות, אָבער אַרגער, אַרגער. איך גיי, גיי ווי אַן עלעמענטאַרע קראַפט, ווי אַן עמוד אש, דער כּוח פונם גייסט, דער כּוח וואָס לייכט און פירט, פירט, ווייטער, ווייטער — —

ש י כּ ו ר

האַלט דאָס מויל, כריסטוס-מערדער!

אַ ר ט י ס ט

אים דערמאָנסטו? קענסטו אים? נישט דו, ער איז נישט מער ביי דיר ווי דיין שלאָפנדיקער געוויסן, איך באַוווּנדער דיך פּשוט ווי לייכט דו שלעפערסט איין דיין געוויסן. מיינער איז ער, אויב איך האָב אים געהרגעט איז דאָס אַ משפּחה-עסק. פרעמדע, שטייט אָפּ!

א י י נ י ק ע

דאָס איז שוין צו פיל. וואַרפט אים אַרויס!

פ אָ ר ז י צ נ ד ע ר

/קלאַפּט אין טיש/ אָרדער! אָרדער!

ש י כּ ו ר

גיי דיר צוריק קיין פּאַלעסטינע.

אַ נ ד ע ר ע

שיקט אים צוריק קיין רוסלאַנד. וואַרפט אים אַרויס.

ארטיסט

איר האָט פיינט דעם אמת, ער שטערט אייך אייערע צופרידענע רויקייט.

איינער

סמאָלע מיט פעדערן גיט אים.

שיכור

נאָ, אָט האָסטו! /וואַרפט אים אַ טעפּל, וואָס צעברעכט זיך אין וואַנט/ טרעף דעם ניגער!

מייבעל

/אים באַשיצנדיק/ נאָר דאָס נישט! הערט אויף! הערט אויף! קום געליבטער אַהיים, זיי וועלן דיר ווייטאָן.

אַרטיסט

/שטופּט זי אַוועק/ פאַרשוועך מיר נישט! דאָס פייער פון ריי־ניקונג איז פאַר מיר אַליין.

איינער

שליסט די פאַרזאַמלונג.

שיכור

טרעף דעם ניגער! /וואַרפט ווידער אַ טעפּל/

אַרטיסט

איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט. איך וועל רעדן, מען מוז אייך איינמאָל זאָגן דעם אמת.

פאָרזיצנדער

/שרייענדיק העכער פון אַלעמען/ איך שליס די פאַרזאַמלונג.

שיכור

דו וועסט צעברעכן אונזער פאַרזאַמלונג, לאָמיר נאָר זען, ווער עס איז באַלעבאָס /וויל אָננעמען אַרטיסט/

מייבעל

ריר אים נישט אָן, דו שיכורע חיה!

איינער

נעמט אים אַוועק. /צום שיכור/ קום מאַיק, קום אַהיים.

אַרטיסט

/שרייט/ מיר זענען די איינציקע אַריסטאָקראַטן, עס איז אַ מלחמה

פון גייסט, און חומר. עס איז אין דער נאַטור פון זאַכן, אז מיר מוזן געווינען.

מייבעל

קום אַהיים געליבטער, דו ביסט קראַנק.

אַרטיסט

— דער חומר שטאַרבט, דער גייסט לעבט, מיר מוזן געווינען — איך אַליין בין נאָר אַ קערנדל צווישן מילשטיינער מיר מוזן זיגן!

מיר מוזן זיגן! /דאָס פובליקום גייט אַרויס/ מיר מוזן זיגן.

/פאָרהאַנג/

מיר מוזן זיגן!

מיר מוזן זיגן!

אַ פֿאַרזאַמלונג אויף אַ ראָג פֿון אַ גאַס!!

/ אַ גאַזאָלין־לאַמטערן וואַרפֿט אַ געלע ליכט אויף דער מאָגערער פֿיגור פֿון דעם רעדנער וואָס שטייט אויף אַ דערהויבענער פּלאַטפֿאָרמע. פֿון דעם עולם זעט מען נישט מער ווי די קעפּ מיט די אָקסלען ביים רעדנערס פֿיס. דאָס איבעריקע פֿאַרלירט זיך אַלץ אין אַ שוואַרצער מאַסע. /

מייבעל און אַרטיסט

מייבעל

קום געליבטער, דו ביסט קראַנק.

אַרטיסט

איך מוז נאָכגיין דעם וואָרט.

רעדנער

איך זאָג אייך מיינע פֿריינדע, אַז אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין, עס קאָן נישט און – און אָט האָט איר אַ שטייגער מיין ווייב, זי מוז פֿאָרן אויף אַ דאַטשע, דאָקטוירים זאָגן. פֿאָרן דען נישט אַלע ווייבער? אָט האָט איר דעם גראָסערס ווייב. זי פֿאָרט נו, און דעם בוטשערס ווייב פֿאָרט דען נישט? פֿאַרוואָס קאָן מיינע נישט פֿאָרען פֿרעג איך. און אויף מיינער זאָגן די דאָקטוירים אַז זי מוז פֿאָרן. ווייסט איר פֿאַרוואָס? דאָס איז אי־בער די קאַפּיטאַליסטן. די קאַפּיטאַליסטן פֿאַרנעמען אַלץ. עס טויג נישט מיינע פֿריינדע. דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף נישט דערלאָזן. קומענדיק צוריק, טאַקע וועגן מיר. איך זאָג אייך זי האַלט אין איין הוסטן, נאָר ווען דער עלעווייטער לויפֿט, הער איך נישט. אפֿשר מיינט איר, אַז איך בין אַ פּוילער? איך זאָג אייך באמת, קאַפּיטאַליסטן טראַכטן אויס אַזוי, טאַקע מיין פֿרי־ערדיקן באָס מיין איך. איך האָב נישט קיין מלאכה, ווייל מען מיך נישט צונעמען, קיינער וויל מיך נישט. פֿאַרוואָס?

איינער פֿון עולם

טפֿו, אויך מיר אַ רעדנער, נעמט אים אַרונטער.

אַנדערע

גיי, טראָג זיך אָפּ. – גיי אַהיים. רעד צו דיין ווייב, – פֿאַר־קויף בייגל.

רעדנער

איין מינוטקעלע, נאָר אַ פּאָר ווערטער און איך ענדיק. איר זעט איך וויל אַרבעטן, נאָר איך קריג קיין אַרבעט נישט, ווייל איך בין שוואַך און האָב קיין מלאכה נישט, און דאָ איז מיין ווייב קראַנק און האַלט אין איין הוסטן. איך זאָג אייך מיינע פֿריינדע, נאָר די קאַפּיטאַליסטן זענען שולדיק. זי וויל פֿאָרן אויף אַ דאַטשע, אָבער זי מוז בלייבן אין דער היים, אַלץ איבער די קאַפּיטאַ־ליסטן, איך האָב געענדיקט. איך דאַנק אייך.

דער פֿירער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג

איצט וועט אַן אַנדערער חבר רעדן. ער וועט אייך דערקלערן לויט טעאָריע, אַז דער איצטיקער סיסטעם פֿון עקאָנאָמיע טויג נישט, חבר סיסטענבוים.

אַ יונגער מאַן

/דאָס פּנים פֿאַרוואַקסן, גייט אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרמע/ מיינע פֿריינדע! נישט ווי דער פֿריערדיקער רעדנער, וועל איך אייך דערציילן מיינע אייגענע צרות, פֿאַרקערט, איך וועל אייך באַווייזן לויט טעאָריע, אַז די אינטערעסן פֿונם אַרבעטער־קלאַס פֿאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן איבערבייטן די געזעלשאַפֿט. נישט איז דער קאַפּיטאַליסט שולדיק אין די ליידן פֿון די אַרבעטער, פֿאַרקערט, די סיסטעמע איז שולדיק. ווייל, באמת געזאָגט, וואָלטן מיר בעסער געווען ווען מיר וואָלטן געווען די קאַפּיטאַליסטן? – היינט פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע, פֿאַרוואָס איז די סיסטעמע שלעכט? דעם ענטפֿער אויף דעם גיט אונז קאַרל מאַרקס. די גאַנצע פֿראַגע וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, איז ווערטן. די ווערטן זענען דאָס – דאָס וויכטיקסטע פֿון מאַרקס. פֿאַרשטייט איר מיך די ווערטן, דאָס הייסט די איבערווערטן, יאָ, טאַקע די איבערווערטן, זאָגט קאַרל מאַרקס אַזוי. ווען מיר אַרבעטן, באַשאַפֿן מיר ווערטן אמת? – און דערנאָך קומען די קאַפּיטאַליסטן און מאַכן איבער־ווערטן. פֿאַרוואָס קומט זיי דאָס, פֿרעג איך. די הויפּטזאַך איז די סיסטעמע, מיר מוזן נעמען די אַרבעטס־מיטל אין אונזערע איי־גענע הענט, מיר מוזן דאָס טאָן. קוקט אָן מיינע הענט, זיי זענען פֿאַרקנאָרעט ווי די וואָרצלען פֿון אַן אַלטן בוים. זעט איר אַמאָל

די זון ? איך נישט. איך ווייס וועגן איר, איך זאָג דער שטאָט דארף –

עולם

זאָג אונז עפּעס וועגן די וואַלן. – ווער וועט געווינען ? – רעד אַ ביסל וועגן דעם אַרבעטער-קלאַס.

רעדנער

איך וועל קומען דערצו. איך זאָג, מיר דאַרפן קיין רעוואָלוציעס נישט מאַכן, וואָס מיר דאַרפן איז בילדונג פאַר דעם אַרבעטער, דענסטמאָל וועט ער אַליין איבערבייטן די סיסטעמע.

עולם

וואָס האַקסטו עפּעס אַ טשייניק מיט סיסטעמע. – גיי אין נאַכט-שול – לערן זיך ענגליש –

רעדנער

איין מינוט, מיינע פריינדע.

עולם

זוער מיר מי:וס – דו קענסט נישט רעדן. – גיב אונז אַן אַמע־ריקאַנער רעדנער – מיר ווילן נישט קיין רעוואָלוציע –

רעדנער

אָט דאָס טאַקע וואָס איך זאָג. איר זעט –

עולם

אַמעריקע איז גוט גענוג פאַר מיר, אויב דיר געפעלט נישט פאַרנעם זיך. – – ווער וועט געווינען די וואַלן ? – דערציי־ל אונז עפּעס אויף רוסיש. / אַ ווילד געלעכטער /

אַרטיסט

איך וויל רעדן.

מייבעל

קום געליבטער, דו קענסט אַ ים נישט איבעררעדן.

אַרטיסט

אָט דאָ איז דאָס פרוף-פייער, איך בלייב.

פירער

ווי הייסטו, חבר ?

אַרטיסט

איך הייס ז-מ-ז-מ-ז-מ – ם

פירער

אַ נייער חבר וועט רעדן, חבר ז-מ-ז-ז-ם מ– ם.

אַרטיסט

ער איז געקומען פון די צדיקים און די פרשים און פון די געלט-לייערס, וואָס זענען געזעסן אין הייליקטום. אָבער צו אים איז געקומען דער גרויסער גייסט פון זיינע אבות, וועמען דער האַר האָט אויסגעקליבן פאַר דער וואוינונג פון דעם הייליקן גייסט. יענער גייסט איז עס געווען, וואָס האָט אַלע מאָל געטראָגן דאָס שליחות פון דעם גייסט צווישן די פעלקער פון דער וועלט און האָט זיי געזאָגט, ווי אַן עלטערער ברודער, זעט די נשמה פון דער נשמה. און פאַר זיין קלאָרן גייסט זענען פאַרבייגעגאַנגען די דורות פון די קינדער פון נויט זייער אויסגעדאַרט׳ע פינגערס אויסגעשטרעקט פון ווייטאָק מיט בענקשאַפט צום ליכט, וואָס זייערע בלינדע אויגן האָבן נישט געזען. און ער האָט געקריגן רחמנות אויף זיי און איז אַרויסגעגאַנגען אַריבער די געזעצן פון די פילע און האָט געבראַכט אַ ניי געזעץ מיט אַ נייער פרייהייט פון דעם אוצר פון דער נשמה פון דער נשמה. און ער איז ווייטער געגאַנגען, ווי אַ זייל פון ליכט וואָס פירט צו אַ נייעם גליק.

עולם

הער נאָר דו, דו וואָלסט גאָר באַדאַרפט פּו׳עדיקן אין קירך, וועגן וואָס דרייסטו אַ מוח ?

אַנדערע

האַלט דאָס מויל, לאָז אים רעדן.

עולם

ווי, צום טייוול קומט אַ ייד פּרעדיקן ! – גיי אין שול פּריין ! – רעד אין סינאַגאָג ! –

אַרטיסט

ער האָט אַפילו געוווּסט וועגן אייערע אבות, די ווילדע בעסטיעס וועלכע האָבן צעטרעטן די קערפּערס פון זיינע אבות אין די

קרייצציגע, אַלץ אין נאָמען פון זיין ברודער, דעם סטאָליער פון גליל, ער האָט אַפילו געוווּסט וועגן אייך, אין וועמען דער גייסט פון אייערע אבות וועט לעבן, חיות די זין פון חיות. בעסטיען די זין פון בעסטיען. אָבער אין אים האָט געברענט דאָס פייער פון דער נשמה פון דער נשמה. און זעט, זיין גייסט פירט אייך צו אַ נייער פרייהייט! – אָ מיין ליידנד יידיש פאָלק! ליכט פון דער וועלט! נשמה פון דער נשמה! /פאַר אַ ווילע שטילקייט/

עולם

דאָס איז דאָך אַ פרעדיק. וואָס הערט זיך וועגן די וואַלן?

איינער

הער נאָר פיעט, וואָס האָט ער עפעס געזאָגט וועגן בעסטיעס? עפעס פאַרשטיי איך דאָ נישט.

פיעט

ער האָט אונז אָנגערופן בעסטיעס, זין פון בעסטיעס.

איינער

איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס ער מיינט. איך מוז אים פרעגן. – הער נאָר דו, קום נאָר אַהער /שלעפט אַרטיסט אַרונטער פון פלאַטפאָרמע/ וואָס האָסטו געמיינט ווען דו האָסט געזאָגט בעס־טיעס? ווער איז אַ בעסטיע?

אַרטיסט

ווי וואַגסטו דאָס אַריבערצוכרעכן מיינע פערזענלעכע גרעניצן פריוואַט האָב איך מיט דיר גאָרנישט צו טאָן.

איינער

הער נאָר, דו נפש, עס איז נאָך דער נישט געבוירן געוואָרן וואָס זאָל מיך אָנרופן בעסטיע און זאָל זיך גלאַט אַוועקגיין.

אַרטיסט

איך גיי אַהיים.

מייבעל

קום, געליבטער.

איינער

/ נעמט אים אָן פאַרן לאַץ / דו גייסט נאָך נישט אַהיים.

פירער

אַן עסק האָט איר, מיר זענען דאָך אַלע חברים, ער האָט גאָר־נישט געמיינט.

איינער

איך בין נישט דיינער קיין חבר און ווייטער מיש זיך נישט אויב דו ווילסט נישט שלעכט אָפשניידן.

אַנדערע

דאָס איז איין באַנדע, רויטע זענען זיי, לאָמיר זיי צעברעכן די נאַרזאַמלונג. חברה, שלאָגט! /עס הויבט זיך אָן אַן איינזייטיקער געשלעג צווישן די זייטיקע אין דער פאַרזאַמלונגס-קאָמיטע/

עולם

שלאָגט גוט, חברה, דאָ האָט איר רעוואָלוציעס! – גייט צוריק קיין רוסלאַנד! – אַרויס פון דאַנען! – ווער וועט געווינען די וואַלן – /געלעכטער/ – צעברעכט די פלאַטפאָרמע! – שלאָגט גוט, חברה. /פון דער פינסטער האָט זיך כסדר געהערט דאָס געשריי פון די געשלאָגענע, עמיץ פייפט מיט אַ פאָליציי־פייפל. דער עולם צעלויפט זיך, אַזוי אַז עס פאַרבלייבן נאָר, מייבעל און אַרטיסט, פאַרהלשט אויף דער ערד/

מייבל

ווו ביסטו געליבטער? /זי זוכט און געפינט אים. אַ פאָליס מאַן קומט/

פאָליסמאַן

וואָס איז דאָ? ווער האָט דאָ געפייפט /געפינט מייבל און אַרטיסט/ וואָס טוט איר דאָ? האָט איר דאָס געפייפט?

מייבעל

זיי האָבן אים באַפאַלן, ער בלוטעט.

פאָליסמאַן

שטיי אויף, דו.

אַרטיסט

איך בין נאָך נישט טויט. עס איז אומזיסט.

פאָליסמאַן

דו גייסט בעסער אַ היים.

מײבעל

ער איז אַזוי קראַנק.

פּאָליסמאַן

ביסטו זײַן װײַב אָדער זײַן שװעסטער?

מײבעל

איך בין זײַנע. /װײנט/ ער איז אַזוי קראַנק און מײַן האַרץ טוט מיר װײ.

פּאָליסמאַן

װוּ זענען זײ אַנטלאָפֿן? /נאָך אַ פּאָליסמאַן קומט/

צװײטער פּאָליסמאַן

אַ װאַלן-געשלעג. מען דאַרף זיך נישט מאַכן װיסנדיק. די חברה זענען סאָציאַליסטן און די אַנדערע האָבן אודאי צעשטערט זײער פֿאַרזאַמלונג. אַ מיאוסע חברה, אין דעם טײל שטאָט.

ערשטער פּאָליסמאַן

נעם אים אַהײם. נישקשה, ער װעט קענען גײן. /בײדע פּאָליסלײט צעגײען זיך אין פֿאַרשײדענע ריכטונגען/

אַרטיסט

איך בין אַזוי מיד.

מײבעל

מטריס רעסטאָראַנט איז דאָ נישט װײט, לאָמיר גײן אַהין, איך װעל װאַשן דײַן פּנים און דיר געבן צו טרינקען, כּדי דו זאָלסט שטאַרקער װערן.

אַרטיסט

איך מוז זײַן שטאַרקער, עס װאַרטן אויף מיר דער קרבן חטאת און דער קרבן עולה. -- -- און איך װעל דאַרפֿן ענטפֿערן מײַן בורא. איך בין אַ כּהן, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער כּהן. אך מוז אַהײם גײן.

מײבל

איך װעל דיך אונטערשפּאַרן מיט מײַן אָרים, שטיץ זיך אויף מיר, מײַן אָרים איז שטאַרק פֿאַר דיר, געליבטער.

אַרטיסט

דו װעסט באַהילפֿיק זײַן דעם כּהן בײַ דער לעצטער עבודה. דאָס איז אַ חסד של אמת, גאָט פֿאַרגעסט עס נישט.

מײבעל

איך װעל דינען פֿאַר דיר. /בײדע גײען אַװעק/

/עס איז שפּעט ביינאַכט, אין גאַנצן פינסטער/ אַרטיסט, מייבעל.

אַרטיסט

/קול אין דער פינסטער/ טרעט נישט אַריבער די שוועל, ווייל פון דער זייט שוועל געפינט זיך דער קדשי-קדשים. אין מיטן שטייט דער מזבח פון וואַנען עס שפּרייט זיך דער ריח, וואָס איז ליב.

מייבעל

איך וואַרט. איך וועל אַריינקומען מיט עניות.

אַרטיסט

דאָס אַלער הייליקסטע. נאָר דער כהן גדול קומט אַריין אין טאָג פון פאַרגעבונג. — אַזוי איז עס געווען! אַ גרויסע זינד איז באַגאַנגען געוואָרן, טאַקע אין משכן, אין סאַמע משכן. נו, האָט מען געבראַכט אַ קרבן חטאת אין משכן פון דער פאַרזאַמלונג. - — — אָבער איינמאָל אַ פאַרזאַמלונג! הער, זענען געקומען זיידעס מיט האַלבע בערד. פאַר אַ באַצירונג זענען די הויטן פון די ריפּן געווען צעריסן, כדי דאָס אינעווייניקסטע זאָל קענען אַרויסקוקן, ווי נייגיריקע קינדערלעך. — ווי שווער די קרבנות זענען דאָס! — זענען געקומען מוטערס מיט איינציקע בריסטן און אויף איין זייט נישט מער ווי אַ רויטער פלעק: יאָ, און קאָמישע קליינע קינדער האָבן געטראָגן זייערע שאַרבנס אין די הענט. — דערנאָך איז מקריב געוואָרן אַ קרבן עולה — עולה — „שפּריץ בלוט אַרום דעם מזבח" — דערנאָך נעם דאָס אַש פון מזבח און דעק צו דאָס בלוט, די קרבנות, די פּאָליצייַ קאָן נאָך דערזען. און אַלץ אין דער פינסטער, עס איז אַ ביסל שווערלעך. — — — גרייט זיך צו מייבל. דו ביסט די ערשטע און די לעצטע אַריינצוקומען אין קדשי קדשים, די פאַרזאַמלונג איז זיך שוין צעגאַנגען, עס איז שוין נאָך צוועלף, פאַרשטייסטו מיך. איך גיב דיר דעם ברייטן ברוך הבא פון מיינע אבות. דיר דעם אויפגייענדיקן שטערן פון דעם זינקענדן טאָג. ניין —

— — יאָ, — עפּעס דרייט זיך אין מיין מוח. היינט ביסטו די קעניגין. לאָמיך דיך פירן צום טראָן, אָבער קוק נישט אין די זייטן. ביי די זייטן ליגן ווייטאָקן און טרויעריקע ענטוישונג. דיינע אויגן זענען היינט אין גאַנצן מיינע, זיי זענען טיף בלוי, ווי דער ים, וואָס וואַשט די ברעגעס פון מיין אבות-לאַנד.

מייבעל

איך בין פול מיט מורא, מיינע פינגער ציטערן.

אַרטיסט

פע, פאַרשעם נישט דיינע אבות, זייערע פינגער האָבן קיינמאָל נישט געציטערט. אַ חוץ דעם זענען דאָך אַלע דיינע שונאים טויט. אַט ליגן זיי ביי דיינע פיס.

מייבעל

עפּעס לויערט אין אַ ווינקל.

אַרטיסט

דאָס איז דער מייסטער. דער מייסטער פון אַלץ. ער איז געקומען אָפּמאָנען אַ חוב. דו וועסט זיין אָן עדות. אָבער אַ קעניגין ביסטו אַלץ. די ביסט דער פעלז אַרום וועלכן עס שטורמט דער ים. דיינע בלויע ליכטער פאַרפירן אָרימע זעגלער. איך בוק זיך פאַר דיר, אָבער זי האָב איך געליבט. מיר זענען אויפגעוואַקסן צוויי צווייגלעך פון דעם זעלבן שטאַם, זייט יאָרהונדערטער, כמעט פון אייביק אָן. איך האָב זי ליב געהאַט.

מייבעל

איך בין נישט מער, ווי אַ נידריקע דינסט. דיין דינסט און דיין קעבס-ווייב. לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני און איך וועל דיך איינוויגן. שלאָף, געליבטער. — איך פיל בלוט אויף דיין שטערן.

אַרטיסט

איך בין אַ בכור און דער האַר האָט מיך אויסגעקליבן.

מייבעל

פאַרמאַך דיינע אויגן און פאַרגעס. גאָט האָט באַשאַפן צוקונפט.

אַרטיסט

דו ווילסט מיך איינוויגן אין פאַרגעסנהייט. אָבער איך ווייס כסדר, תמיד ווייס איך. מיינע חלומות וויינען פון אָנמאַכט. — —

מייבעל

פאַרטרינק דאָס געשריי.

אַרטיסט

— — זיבן טעג פריער האָט שוין מיין זיידע קיין שפייז צו זיך נישט גענומען. דעם אַכטן טאָג אינדערפרי האָט ער געזאָגט צו זיינע דינער: רייניקט מיך און טוט מיך אָן אינגאַנצן ווייס. זיי האָבן אים געבאָדן און אים אָנגעטאָן די תכריכים. און ווי׳ דער האָט ער געזעגנט צו זיינע דינער: ברענגט מיך פאַר מיין בורא. זיי האָבן אים אַריינגעטראָגן אין בית-המדרש און אַ גערייניקטער האָט ער אויסגעהויכט די נשמה שטייענדיק ביים עמוד. אומזיסט ווין איך נאָך מיין זיידנס ריינקייט.

מייבעל

— — — מיר וועלן לעבן ווי צוויי טויבן, צומאָרגנס וועסטו אַרויספליען איינצוזאַמלען קערנדלעך און אין אָוונט וועסטו רוען לעבן מיר.

אַרטיסט

דער קניפ האָט זיך אָפּגעריסן און מיינע אָוונטן האָבן זיך פאַר׳ קייקלט אין דער אייביקייט.

מייבעל

מיר וועלן זיי אויפקלייבן ווי בלומען און מאַכן אַ קראַנץ פון זיי.

אַרטיסט

דער בעל-הקברות וועט דיך אָפּשטעלן ביים טויער, אונזערע מתים זענען נישט באַצירט. — — — איך וויל נישט שטאַרבן — איך וויל נישט. / וויינט אויף איר שויס / די זון האָט אונז אָפּ׳ גענאַרט, זי איז צו פרי פאַרזונקען הינטער די בערג. מיט פאַר׳ בלענדעטע אויגן זענען מיר אַוועק און די טשערעדע איז געבליבן פון הינטן — — — — — — איך האָב בשום אופן נישט געקענט געפינען מיין גליק.

מייבעל

אין מיין שויס ליגט דיין גליק.

אַרטיסט

זאָג דאָס נישט, מייבעל, דו שפּילסט דיך מיט פייער. איך

וועל דיר ווייזן וווּ מיין גליק ליגט. מען דאַרף נאָר אויפהויבן דאס אַש.

מייבעל

איך וויל נישט זען. / אין שרעק / איך האָב מורא, איך מורא פאַר דעם עפּעס, וואָס לויערט אין ווינקל.

אַרטיסט

אויב אַזוי מוזטו טאַקע זען. דו מוזט, זאָג איך. — קוק! / ער דעקט אויף די צוויי טויטע קערפּערס פון טענצערין און מאַן /

מייבעל

/ שרייט, אַה! — — איך האָב נישט געזען! איך וויים נישט! איך וויל נישט זיין קיין עדות. איך וויל אַהיים גיין. לאָז מיך אַהיים צו מיין מאַמען / זי יאָמערט אין אַ ווינקל /

אַרטיסט

פון אַזאַ האָלץ ביסטו געשניצט געוואָרן? ווי גוט, ווי גוט עס איז מיר! איך וועל קומען פאַר דיר, מיין בורא, באַפרייט פון אַלע אילוזיעס. מיינע הענט זענען פאַרשמירט, אָבער מיין נשמה איז ריין, אַזוי קיל און לויטער ווי די לופט אויף די בערג. אין דעם זכות פון מיין פאָטער און מוטער, די קדושים, נעם מיך צו. מיין גאָט! / שיסט זיך. מייבעל גיט אַ קוויטש. עס ווערט אינגאַנצן פינסטער. שטיל. נאָך אַ קורצער צייט הערט זיך אַ שטימע /

שטימע

הער נאָר דו, דאָרט אינעווייניק, מאַך אויף! איך בין דאָס גע׳ זען — — — — — — — אַ פאַרברעכן איז דאָ באַגאַנגען גע׳ וואָרן.

פאָרהאַנג

בעזרת הש״י ה׳ שבט תרפ״ג